250

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 1־390) פינף און צוואנציקסטן יאר יוני־יולי 1964 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

כ׳ און כ״א תמוז תשכ״ד (60'טער יארצייט פון דר. הערצל און 30'סטער פון ח. נ. ביאליק) ** 1
דר. טעאדאר הערצל (פאטא) 3
פון די טאג ביכער — דר. טעאדאר הערצל 3
הערצל (ליד) — יוסף לעפטוויטש 4
טעאדאר הערצל און קאלאנעל גאלדסמיד — יוסף פרענקל 4
פרימארגן אויפן כרמל (ליד) — עלי זילבערג 8
ירושלים עיר הקודש — יודל גאלדבערג 8
יוני־געבעט (ליד) — מ. ח. ליכטשטיין 12
יאסעלע (דערציילונג) — משה בעקערמאן 13
מיין ערשט ליד (פראזא) ליד, זשאבע באלאדע, לעצטער שטריך (לידער) — א. נ. שטענצל 15
ירחמיאל בריקס (דער מענטש און שרייבער) — עלען ווינאגראד 31
לכבוד דעם טעאטער אין פוילן — ש. 33
אידא קאמינסקא (פאטא) 34
לאנדאנער קולטור־ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

## רעדאקציע - נאטיץ

מיר בעטן אונזערע פריינט, וואס גיכער צוצושיקן די לשונה־טובות פארן ראש־השנה־נומער, בכדי דער יום־טוב־זשורנאל, זאל קענען זיין מיט א צוויי צענדליק זייטן מערער—ד.ר.

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

ביי די שבת נאכמיטאגס איז געפייערט געווארן דאס 400 געבוירן יאר פון וויליאם שעקספיר דער רעדנער איז געווען ש. י. הארענדארף; רעציטיר שעקספיר סאנעטן — לעדי ראז הענריקעס; נעט רובין געלייענט צענעס פון שיילאק.

מאיר צעלניקער אין לעצטנס איינקע מאל אויפגעטרעטן אין־טעלעוויזיע אין דראמעס וואס באהאנדלען יידיש לעבן אין ענגלאנד.

דאס יידישע טעאטער פון פוילן קומט אויף א גאסטראלן־טור פון איניקע וואך. פריינט פון יידיש און פון יידישער קולטור פרייען זיך מקבל פנים צו זיין די געסט און זען זייערע נייע אויפפירונגען.

דער ווארט־קאנצער „צו זינגען און צו לאכן" אין קווין האל פון סעם געלדבערג און עלען ווינאגראד איז א דורך מיט גרויס דערפאלג.

מיכאל זילבערבערג, דער יוו״א־סעקרעטאר אויף א נסיעה אין ניו־יארק, איז לויט א ידיעה, דארט נישט געזונט געווארן און געפינט אין א שפיטאל. מיר שיקן אים א רפואה שלימה.

אין די לעצטע לעבעדיקע ציטונג איינגעארדנט פון שרייבערפעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן זיך באטייליקט ש. י. הארענדארף, ש. גאלדשמידט, יואל צאנג. פארזיץ יוסף פרענקל.

ביי אויפדעקן דאס טרעמבלינקע־דענקמאל זיינען פון ענגלאנד געווען פארטועטן פון „באהד אף דעפיטיס" סער בארנעט זשאנער, עלעק ווארטערמאן און אייב קאהען פון ארבעטערינג.

לייבל ביילין א הארציקן מזל־טוב צום ערשטן אוראייניקל.

עלי זילבערג איז צוריקגעקומען פון איר נסיעה אין דרום־אפריקא און ישראל, און געליינט ישראל לידער.

ביי דער פייערונג פון יום העצמאות ביי די שבת נאכמיטאגס האבן אייזיק גאלדבערג און מ. בערשטיין דערציילט פון זייערע ישראל־איינדריקן.

דעם 10'סטן מאי איז געשטעלט געווארן די מצבה אויף שלמה אויערבאך'ס קבר רעוו. לאנדאן האט גערעדט איבערן נפטר.

משה בעקערמאן איז געפארן אויף א נסיעה קיין אמעריקע. ביים צאתכם־לשלום־שבת־נאכמיטאג האבן נעט רובין און י. ביעטש געלייענט בעקערמאנס דערציילונגען.

ביי דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג פון מאקסא נארדאו אין בן־אורי האבן גערעדט אלעקסאנדער מרגליות, י. הלוי און קעסלער.

בערל ראזנער, דער פארזיצער פונם בונד איז אלט געווארן 75 יאר. מיר ווינטשן אים א סך גוטע יארן און כוחות אנצוגיין מיט זיין ארבעט.

ביים גלעזל־טיי לכבוד דעם 73 יארגאנג פון דער „פרייער־ארבעטער שטימע" האט געפירט דעם פארזיץ ל. ביילי.

ביים הספד נאך הרב יהושע שפעטמאן אין דער בארדיטשעווער שול האבן זיך פערזאמלט א גרויסן עולם. די מספידים זיינען געווען דיין לעוו און הרב פישער. די הזכרה האט געמאכט רעוו. חזן פרידמאן.

ביי דער הזכרה אין וועלכער ס'האבן זיך באטייליקט לאנדאנער אינסטיטוציעס האט געמאכט די הזכרה רעוו. חזן האס; ביי דער הזכרה פון דער וויד — רעוו. חזן סמוס; דעם 10'טן אפריל אין אדלער האל איינגעארדנט פון „פריינט פון יידיש לשון", „רינג־רום" און בונד — לעאן בלומענזאן. ביי דער הזכרה אין ארבעטער ריזק האט געפירט דעם פארזיץ, דער פארזיצער פון א ארבעטער־רינג: אברהם האלאנד.

---

טיפן מיטלייד צו אונזער מיטארבעטער **משה בעקערמאן** צום פלוצלינגן טויט פון זיין פרוי **מאטילדע** ע.ה. — „לשון און לעבן"

ביים מצבה פון מיין טייערן פריינט **שלמה אויערבאך** — מיין טיפע ערינערונג אין אים — **גוסטע געפנער**

אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער פרוי און פאמיליע פון **לייזער פאווערמאן** ע.ה. — **סעם גאלדבערג, עלען ווינאגראד**

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד בארא זסעטלמענט שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 30'סטן מאי — 10'טע יארצייט פון פראפ. בראדעצקי.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6־7 (העפט 390־1) פינף און צוואנציקסטן יאר יוני־יולי 1964 לאנדאן

## כ׳ און כ״א תמוז תשכ״ד

1

(60׳סטער יארצייט פון דר. הערצל און 30׳סטער — חיים נחמן ביאליק)

„ביאליק איז לית מאן דפליג״! עס איז נישט פאראן א ייד אן ליבשאפט צו ירושלים, אן בענקשאפט צו ארץ ישראל, אן חיבת ציון. אלץ איז דאך פול דערמיט! אונזער מיטאס, אונזער מסורה, דער תנ״ך, די יידישע ליטעראטור — פון די ערשטע נביאים ביזן לעצטן פאעט.

בנוגע די עקסיסטענץ פון מדינת ישראל איז קיין פארטייאישקייט — עס איז נאר פאראנען די פוגע־נוגע פון פאליטישע זמן־גורמות . . . מ׳האט געמוזט זען א יידישן קאמוניסט אין די טעג, ווען סאוויעט־רוסלאנד איז געווען די ערשטע מדינה, וואס האט אנערקענט די יידישע מלוכה. זיי האבן געשטראלט פון שמחה ווי די אמתע מחותנים.

„ביאליק איז לית מאן דפליג״, אז ער איז דער נאציאנאלער יידישער פאעט. מיט זיינע יידישע און העברעאישע לידער מיט זיין שבכתב און שבעל־פה איז ער געווען, אזוי צו זאגן, דער שופר של משיח, דער העראלד, דער אויסרופער און אויסשאלער פונם באנייטן ארץ־ישראל — פון מדינת־ישראל.

אליהו הנביא קאן קיינמאל נישט זיין קיין פאלטשער! אין טויזנט געשטאלטן פארשטעלט ער זיך און ער איז ער, און ער איז דא; ער איז דער באוויזענער נס, די לעגענדע: פונם לעצטן פסוק פונם תנ״ך: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד׳ הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם . . .״ ביז די לעצטע אגדה, ביזן לעצטן ליד.

די שרעק פון אלע דורות אבער איז געווען משיח! פונם ערשטן ביזן לעצטן!! וויפיל פאלטשע משיחים האבן מיר נישט געהאט — אין יעדער עפאכע אן אנדערן, פון אן אנדער מין, ווייל אין יעדער עפאכע איז דער שעבוד מלכות געווען אנאנדערער, און אויך די סטראטעגיע און די דיפלאמאטיע אן אנדערע. און ווי לייכט איז ער געווארן אן אנדערער — פון א בר כוכבא א בר כוזיבא! און דאס פאלק וואס אט האט אים געיובלט, געהויבן אים צו די שטערן, אט דאס זעלבן, פאלק האט אים באלד פארשריגן פאר אן אנדערן, פאר א פאלטשן.

די ליבשאפט, די בענקשאפט איז אין הארץ, זיי קאן מען נישט ארויסרייסן — די אהבה איז אייביק אמת, צי מען דערגרייכט זי צי נישט . . . מ׳גייט אויס פון ליבשאפט! דאס איז געווען, דאס איז די בענקעניש פון א ייד צו ארץ ישראל.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער גוט־באקאנטער לאנדאנער מאלער שלמה אלווא וועלכער וווינט יעצט אין פאריז פארבראכט איצט זיין „האלעדעי״ מיט זיין פרוי ביי אונז אין לאנדאן.

* * *

ביאלין, דער מחבר פון א בוך איבער שלום אש, אויף זיין וועלט רייזע, האט פארבראכט אייניקע טעג דא אין לאנדאן און געהאלטן א רעפעראט איבערן יידישן ישוב אין אמעריקע, ביים שבת נאכמיטאג ביי פריינט פון יידיש לשון.

* * *

דער שרייבער פעראיין צוזאם מיטן יידישן וועלט קאנגרעס האבן איינגעארדנט אן אוונט פאר רעדאקטער פון „דבר״ חיים שורער. דער חשובער גאסט האט גערעדט איבערן פראבלעם: יידן אין סאוויעט רוסלאנד. דעם גאסט האבן באגריסט קאלעגן שרייבער און פארשטייער פון אינסטיטוציעס. דעם פארזיץ האט געפירט חיים פינער.

משה בעקערמאן צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה אין אמעריקע האט געלייענט ביי די ליטעראר׳ישע שבת נאכמיטאג אן אינטערעסאנטע לעקציע איבערן יידישן לעבן אין אמעריקע.

אלע קולטור־און געזעלשאפטלעכע פעראיינען אין לאנדאן האבן איינגעארדנט א קבלת־פנים פאר די אקטיארן פון פוילישן יידישן טעאטער ווו די אקטיארן זיינען אויפגעטרעטן אין גאנדא־הויז מיט רעציטאטעציעס און געזאנג. באגריסט די חשובע געסט האט פריינט יהושע שינדלער.

דער וועלט קאנגרעס האט אויפגענומען ביי א קאקטייל דעם אנסאמבל פון פוילישן יידישן טעאטער אין בן־אורי באגריס די געסט האט י. הלוי.

ביי די יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס אין געווען אן אוונט געווידמעט דעם יידישן טעאטער, אין אוונט האבן זיך אויך באטייליקט די שרייבער געסט מ. ח. ליכטשטיין און ביאלין. נעט רובין האט געלייענט לידער פון די יידיש פאעטן פון ווארשע און בעלא ווינער האט געלייענט פון פראזע־שרייבער.

אהרן שמואל שטערמאן מיט זיין פרוי אויף א באזוך אין לאנדאן.

דער פאעט מ. ח. ליכטשטיין פון פאריז האט פארברענגט דא זיין זומער־וואקאציע אויפגעטרעטן ביי די יידיש ליטעראר׳ישע שבת נאכמיטאגס מיט א לעקציע דער יידישער גורל״ און געלייענט פון זיינע לידער. ער איז באגריסט געווארן פון י. ביעטש, משה דאמב א.א. ער האט אויך פארקויפט דא אן אנגעזעענע צאל פון זיין בוך לידער די בלאע שעה.

צווישן די וואס פארן אפ פון לאנדאן קיין ירושלים צו דער עליה פון די עצמות פון וולאדימיר זאב זשאבאטינסקי צו זיין דארטן ביי דער צערעמאניע פון דער קבורה אויפן הר־הערצל. געפינט זיך דער שרייבער א. מ. קייזער, וועלכער האט געשפילט א וויכטיקע ראלע אין לאנדאן אין זשאבאטינסקיס ארבעט ביים שאפן דעם יידיש לעגיאן.

* * *

דאס באקאנטע אקטיאר־פאר סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד האבן פארגאנגענעם חודש געגעבן זייער צווייטן ווארט־קאנצערט: צו זינגען און צו לאכן — עס איז געווען א גרויסער דארפאלג.

* * *

מיכאל זילבערבערג און זיין פרוי זיינען צוריק פון זייער נסיעה פון אמעריקע.

* * *

אויפן קאנצערט פון דער פעלים־ארגאניזאציע האט דער גוט־באקאנטער אקטואר און זינגער יידל גאלדבערג געזינגען פאלקסלידער און לידער געבירטיק.

* * *

אין פרענדס הויז האבן די גוט־באוויסטע חזנים קאץ און ראזענבערג געזונגען חזניש אין העברעאישע און יידישע פאלקס לידער. דער קאנצערט איז געווען א גרויסער דערפאלג. ביים קלאוויר דער באקאנטער דריגענט בריל.

מרים לאוויטש פון קיבוץ לוחמי־הגעטאות געפינט זיך אויף א באזוך אין לאנדאן.

* * *

קומענדיקן חודש, דערשיינט א בוך אין פראזא ארום 500 זייטן, פונם יידישן לעבן אין מזרח־אייראפא, פון די באקאנטע יידישע שרייבערין ג. מ. סידא „אין די בעגיניג וואס פיר״.

יוסף לעפטוויטש געפרן קיין נארוועגן צום פען־קאנגרעס.

דער שתדלן, דער דיפּלאָמאַט אָבער איז אַ שליח; פּועלט ער, איז ער משיח, נישט — כאַפּט אים דער רוח! דאָס פאָלק איז אַ קינד און בלייבט אַ קינד און דאָס איז דער נס — עס גייט איבער צו קינדס־קינדער!

2

דער פּאָליטישער משיח פון אונזער עפּאָכע איז דר. טעאָדאָר הערצל — דער שתדלן, דער שליח אין דער עפּאָכע פונם אַזיאַטיש־אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם. ער האָט אָנגעקניפּט זיין פּאָליטיק אין די ציטן פון קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, און דער עפּאָכע פון טערקיי־ענגלאַנד. וויפיל קאָלאָניעס האָבן מיר דאָרטן אויפגעבויט אין די 60 יאָר — מיט „די סאָבע" נאָך פון חיבת־ציון האַרטע, הייליקע ערד אין פעלדער דאָרט צעאַקערט מיטן שווייס פון אונזער שווייס. און אין דער צייט אין דער עפּאָכע, פון קאָליאָניען־באַפרייאונג, זיינען מיר געווען די ערשטע באַפרייטע מדינה — — איז דאָס נישט אַליין שוין אַ סימן פון אתחלתא דגאולה? אַז דער שעבוד מלכות וועט דאָך אַמאָל אויפהערן? אַז די וועלט וועט זיין אַ הערלייזטע? אַז די רייד פון די נביאים וועלן מקוים ווערן?

נאָר אַ שונא ישראל, נאָר אַ פּאָליטישער נוגע־פּוגע קאָן נאָך צווייפלען צו מיר זיינען נישט קיין פאָלק, קיין נאַציע. מיר זיינען דאָס פאָלק מיטן חלום פאַר פעלקער־פאַרברידערונג. מיט אונזער בלוט האָבן מיר אָפּגעוואַשן יעדן ראַסישן קאָליר פון אַלע שבטים און שטאַמען — „שוואַרצע, רויטע, געלע, ווייסע, ס'איז אַן אויס־געטראַכטע מעשה" *. איבער אונז אַלע איין טאַטע־הימל און מאַמע־ערד האָט אונז אַלע געבוירן. מיטן שווייס פון פּנים מוז נאָר יעדע אומה אויסקנעטן די צירה פון איר ערד־טייל — איר נאַציאָנאַלע, איר פאָלקס־טימלעכע יצירה.

שוין דאָס אַליין: צוויי טויזנט יאָר, אַ נע־ונד חלום „ירושלים הרים סביב לה וד' סביב לעמו" און אַצינד אַזוי סיסטעמאַטיש מסורות־נפשדיק פּראָדוקטיוו צו קאָנען זיין, אַזוי פּראָלעטאַריש אַרבעטנדיק אויף אַלע געביטן פון עבודת הפרך. אומעטום האָבן מיר עס געפּרופט, אָבער די לאַפּאַטע איז אונז פון די פאַרחלומטע הענט אַרויסגעפאַלן. אין ישראל שטייען מיר וואַכע צווישן גרענעצן און דאָס שטיקל ערד ווערט קולטיווירט מיט אונזער בלוט און שווייס, וואָס קאָן שוין זיין אַ גרעסער סימן פון אַ קולטור פאָלק און זיין ערד?

עס איז צו האָפן אַז אין אונזער עפּאָכע, אין דער צווישן־צייט פון אַמע־ריקאַנישן־סאָוויעטישן אימפּעריאַליזם, פון טעכניק און סאָציאַליזם, אין דער צייט פון אתחלתא דגאולה וועלן מיר צוזאַם מיט אַלע פאַרשקלאַפטע באַפ־רייט ווערן פון שעבוד מלכות — אַז עס וועט אויפהערן מיט פּאָליטישער פאַלטשקייט, וועלן דאָך קיין פאַלשע משיחים נישט מער זיין. פּאָליטיק, ווי גוט זי זאָל נישט געשפּילט ווערן איז זי נאָר אַ קאָרט; און נישט נאָר אויף „אונטער־גרין", אַפילו אויף „האַרץ־רויט" טאָר מען נישט אַלץ שטעלן —

* י. ל. פרץ.



* * *

ארץ־ישראל־בענקשאַפט, ירושלים ליבשאַפט, בעל פּה און בכתב איןביידע אונזערע לשונות האָט דער נאַציאָנאַלער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק, אויס־געשאַלט אונזער גאולה! אונטערן סאָבע־געזאַנג פון די חלוצים־לידער איז די קרקע־בתולה ערד אויפגעבראָכן געוואָרן מיט פּרוכפּערדיקייט און מיט שפע. די עבודת־הפרך אַ לאַנד צו קולטיווירן! עס וואָלט געווען אַ מרה־שחורה, חלילה, אין די גאַסן פון ירושלים און תל־אביב, ווען דאָס יידישע לשון וואָלט נישט געקלונגען איצט דאָרט מיט זיין מאַמעדיקע פאָלקסטימלעכקייט — אַ טויזנט יאָריקע ירושה אַ בלוט און טרערן פאַרקנאַטענע, חכמה און בטחון אַדורכגעאַרבעטע אייראָפּעאישע קולטור. דער וואַגיקער גאַנג אונזערער איבער אייראָפּע, דער פריילעכער ריטם זינג־זאַנג פון אונזער וויגנדיק מאַמע־לשון.

זאָלן מיר אַליין נישט ווערן איצט, די נוגע־פּוגע'ס און מיט אונזערע קליינע סיכסוכים פּאָליטיש, דערטרונקען אונזער געבענטשער גאולה אין אַ גלאָז מים־אחרונים וואַסער. ס'איז געווען אַמאָל אַ בייזער סיכסוך יהודה און ישראל, זאָל עס, חלילה, איצט ווערן יידיש און עברית? קאָן דען נישט אַ מאַמע־לשון אויסלעבן אין נחת און אין פרידן אירע יאָרן אין איר פאַרבענקט און פאַרליבט פאָטערלאַנד? „קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה" — — —



דר. טעאָדאָר הערצל

(פון הערצלס טאָגביכער)

אין באַזל האָב איך געגרינדעט די יידישע מלוכה וואָלט איך היינט גע־מאַכט אָט די דערקלערונג, וואָלטן מיך אַלע אויסגעלאַכט. אפשר אין פינף יאָר אַרום, און זיכער אין פופ־ציק יאָר אַרום, וועט יעדער איינער עס זען. (1897)

ב

איך בין גאַנץ איבערצייגט, אַז אַ וואונדערלעך ניי ירושלים קען מען אויפבויען מחוץ די מויערן פון דער אַלטע שטאָט. (1898)

## יוסף לעפּטוויטש

### הערצל

וויפיל זריעה מוז מען זייען
ביז ס׳וועט וואַקסן ווי דו, אַ צווייטער!
מיר האָבן אַזויפיל געזייט,
אָבער ס׳וואַקסט אַזעלכער ניט ווייטער.
געווען ביי אונז גרויסעביימער,
נאָר זיי האָבן זיך געשפּאָלטן, צעבראָכן,
די ביזט געווען און אײַזערנער דעמב,
האָט מען דיר אין האַרץ אַריינגעשטאָכן.
מ׳האָט דיינע צווייגן געשניטן מיט אַ שווערד,
אַרויסגעריסן דיינע וואָרצלען פון דער ערד.

ווער ווייס וואָס פון אַזאַ בוים געוואָרן,
ווען מ׳לאָזט דיך גערייען!
ווען מ׳לאָזט דיך גערייען!
וויל די שטיקלאַך און ברעקלאַך וואָס מ׳האַלט איצט הייליק
ביי די פּאַרטייען,
ווי קליין זענען זיי — ווי וואָלטן זיי זיך צעוואַקסן,
ווען דו וואָלסט געהאַט יאָרן!
וויפיל זריעה מוז מען נאָך זייען,
ביז ס׳וועט אַ צווייטער ווי דו ווערן געבוירן!

## יוסף פרענקעל

### טעאָדאָר הערצל און קאָלאָנעל גאָלדסמיד

דעם 27־טן פעברואַר 1892 האָבן די לאָנדענער „חובבי ציון" באַגייס־טערט זיך געזעגנט מיטן קאָלאָנעל אַלבערט עדוואַרד וויליאַמסאָן גאָלדסמיד, וועלכער איז אַפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע. זייט 10 יאָר איז ער געווען טעטיק פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און איצט איז ער געפאָרן איבערנעמען די לייטונג פון באַראָן הירשס קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. די ענגלישע חובבי ציון זענען געווען איבערצייגט, אַז קאָלאָנעל גאָלדסמיד וועט בלייבן טריי זיינע ציוניסטישע אידעאַלן.

גאָלדסמיד האָט זיך נישט לייכט אַנטשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון באַראָן הירש און דאָס צוליב אידעאָלאָגישע טעמים, פּונקט ווי הערצל האָט זיך געוואָקלט 12 יאָר שפּעטער אָנצונעמען טשעמבערלענס פאָרשלאָג וועגן אוגאַנדאַ. גאָלדסמידס אַרגומענטאַציע איז געווען די זעלביקע, ווי הערצלס: די נויט פון די יידן, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד צווינגען צו אַ צייטווייליקן „נאַכט־אַזיל".



די וועלט־פּרעסע האָט איבערגעגעבן די פּאַריזער מיטטיילונג פון באַראָן הירש וועגן שיקן גאָלדסמידן קיין אַרגענטינע. אויך הערצל אַלס זשורנאַליסט האָט וועגן דעם מיטגעטיילט פון פּאַריז דער „נייער פרייער פּרעסע" אין ווין. גאָלדסמיד איז געפאָרן קיין אַרגענטינע, נישט נאָר צו ראַטעווען דעם באַראָנס הירשס מיליאָנען און זיינע יידישע קאָלאָניעס, נאָר קודם כל כדי דאָרט צו פאַרשפּרייטן דעם גייסט פון יידישן נאַציאָנאַליזם, פון חובבי־ציוניזם און צו באַפעסטיקן די העברעאישע שפּראַך, פּאָפּולאַריזירן יידישע נאַציאָנאַלע לידער, כדי די דאָזיקע קאָלאָניסטן זאָלן קענען אַריבערפאָרן קיין ארץ ישראל, ווען עס וועט ווערן אַ יידישע מדינה. אין זיין אויפרוף צו די קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָט ער אַפּעלירט צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך צוגרייטן צוריקצופאָרן קיין ארץ ישראל.

די גאָלדסמידס שטאַמען פון אַן אַלטער יידישער פאַמיליע, וועלכע איז אָנגעקומען דורך דייטשלאַנד און האָלאַנד קיין ענגלאַנד אין יאָר 1763. זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס אָפּשטאַמיקע פון די מכבים. זיי זענען געווען פאַרטראָטן אויף אַלע געביטן פון לעבן אין ענגלאַנד — פּאָליטיק, ווירטשאַפט, פילאַנט־ראָפּיע און אַרמיי. זיי האָבן באַרייכערט דאָס יידישע לעבן אין ענגלאַנד.

הענרי ע. גאָלדסמיד איז געווען אַ הויכער רעגירונגס־באַאַמטער אין אינ־דיע. ער האָט זיך געשמדט און האָט דערצויגן זיין זון אַלבערט עדוואַרד וויליאַמסאָן (געבוירן אין יאָר 1846 אין אינדיע — געשטאָרבן אין יאָר 1904 אין פּאַריז) אַלס קריסט. נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער האָט דער יונגער אַלבערט זיך דערוווּסט וועגן זיין, יידישער אָפּשטאַמונג. ס׳איז ביי אים אַנטשטאַנען אַן אומרו. ער האָט אָנגעהויבן שטודירן הייליקע ספרים און צו 24 יאָר ווערט ער צוריק אַ ייד און נעמט אָן דעם נאָמען מיכאל. אויך זיין פרוי, וועלכע האָט געש־טאַמט פון יידן, איז ווידער געוואָרן אַ יידישע.

פון אָנהייב אָן פון הערצלס ציוניסטישער מיסיע האָט הערצל געקוקט אויף ענגלאַנד. אין לאָנדאָן האָט ער געהאַלטן זיין ערשטע ציוניסטישע רעדע וועגן ציוניזם און האָט אויך דאָ פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן ציוניסטישן אַר־טיקל. הערצל האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט גאָלדסמיד און האָט אים באַזוכט דעם 25־טן נאָוועמבער, 1895, אין קאַרדיף, ווו גאָלדסמיד האָט אים דערציילט ווי אַזוי ער און זיין פרוי זענען צוריק געוואָרן יידן.

„איך בין דניאל דעראָנדאַ — האָט גאָלדסמיד געזאָגט — כ׳בין אַן אָרטאָ־דאָקסער ייד און דאָס האָט מיר אין ענגלאַנד נישט געשאַדעט. מיינע קינדער רחל און כרמל זענען שטרענג רעליגיעז דערצויגן און האָבן געלערנט העברע־איש.

אַרבערט גאָלדסמיד האָט געוויילט די מיליטערישע קאַריערע, וואָס איז געווען אַ טראַדיציע אין דער פאַמיליע. איין גענעראַל גאָלדסמיד האָט געקעמפט קעגן נאַפּאָלעאָן ביי וואַטערלאָ און אַ צווייטער קאָלאָנעל דוד פראַנקס האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַמעריקאַנער באַפרייאונגס־קריג. אַלבערט האָט באַזוכט דעם קעניגלעכן מיליטערישן קאָלעדזש און בעתן בורן־קריג איז ער געווען שטאַבס־אָפיציר.

ער איז געווען א רעליגיעז־נאציאנאלער ייד, האט געהערט צו אייניקע יידישע ארגאניזאציעס, פלעגט גיין אין שול און אויף יעדער רייזע מיטנעמען טלית און תפילים. ער איז געווען שטאלץ צו זיין א ייד און ענגלענדער.

„ישראל איז מיין פאטער און בריטאניע איז מיין מוטער.“ — האט ער דערקלערט אין פארזאמלונגען און די דאזיקע אזוי גערופענע טאפלטע לאיאליטעט איז פאר אים געווען א זעלבסטפארשטענדלעכקייט. ענגלענדער — פלעגט ער זאגן — האבן פיינט יידן, וועלכע געדענקען נישט זייער אלטע געשיכטע און קלערן נישט וועגן ארץ ישראל.

ווען עס זענען געגרינדעט געווארן די ערשטע קאלאניעס אין ארץ ישראל, האט גאלדסמיד געפאדערט אין יאר 1882, אז מען זאל רעגולירן די קאלאניזאציע און אז די יידן פון מערב זאלן זי אונטערשטיצן, כדי אויסצומיידן קריזיסן און קאטאסטראפעס.

אויסער דעם האט ער פארגעלייגט א פלאן, צו גרינדן אן ארגאניזאציע, וואס זאל העלפן די קאלאניעס. ער איז געווען גרייט איבערצונעמען די פירונג פון דער ארגאניזאציע. זיינע פארשלאגן האט ער געמאכט אייניקע חדשים פאר דער פארעפנטלעכונג פון פינסקערס בראשור „אויטאעמאנציפאציע“ (1882) און צוויי יאר פאר דער קאטאוויצער קאנפערענץ פון די חובבי ציון.

שפעטער האט גאלדשמיד געזאלט פארן צוזאמען מיטן גרויסן קריסטלעכן פריינט פון יידישער קאלאניזאציע סיר לאורענס אליפאנט קיין גאליציע, כדי צו איבערוואכן די יידישע עליה נאך די רוסישע פאגראמען. אבער אלס ענגלישער אפיציר האט ער נישט געקענט איבערנעמען די דאזיקע מיסיע. א יאר שפעטער, אין 1883, האט ער באזוכט ארץ ישראל. ערשט דא האט ער זיך איבערצייגט, אז ארץ ישראל איז דער פאסיקסטער ארט פאר יידישע קאלאניזאציע. ער האט אבער געהאלטן, אז מען מוז שטארק העלפן די ערשטע קאלאניעס, ווייל פון זייער דערפאלג וועט זיין אפהענגיק די קומענדיקע קאלאניזאציע. ער האט דערפאר פראפאגירט צו גרינדן א „פאלעסטינע—קאמיטעט“, וואס האט, לויט אים, געדארפט זיין, אין קעגנזאץ צו די משולחים, א גוט דיסציפלינירטע און שטארקע ארגאניזאציע, וואס זאל קאארדינירן די ארבעט אין און פאר ארץ ישראל.

אבער ערשט אין יאר 1891 איז אנטשטאנען לייטונג פאר אלע ציון־פאריינען אין ענגלאנד. אין דער שפיץ איז געשטאנען סאלאמאן ד׳ אביגדור, א קרוב פון די גאלדסמידס. צוויי יאר שפעטער איז גאלדסמיד געווארן דער פירער פון די ענגלישע פאריינען פון חובבי ציון. גאלדסמיד האט אלעמאל געקעמפט פאר עברית און האט געשאפן א העברעאישע לאנדקארטע פון ארץ ישראל.

ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואס הערצל האט זיך געוואלט באקענען מיט גאלדסמידן. קומענדיק קיין לאנדאן, איז הערצל געפארן קיין קארדיף. ער האט אים דערקלערט זיין פאליטישן ציוניזם און גאלדסמיד האט זיך גלייך באגייסטערט מיט הערצלס פלענער. ער איז געווען גרייט צו פארלאזן די ענגלישע ארמיי, כדי זיך איבערגעבן אים גאנצן דער ציוניסטישער באוועגונג.



בידע — הערצל און גאלדסמיד — האבן געהאלטן פון אויסערלעכע סימבאלן, וואס זאלן פאראייניקן די יידן ארום ארץ ישראל. אבער געוויסע מיספארשטענדענישן האבן געהערשט צווישן די צוויי, בפרט צוליב דער קעגנערשאפט פון פאריזער באראן ראטשילד צו הערצלען און גאלדסמיד איז שטארק געווארן באאיינפלוסט דורך די פאריזער ראטשילדס.

הערצל האט זייער געוואלט האבן דעם יידישן אפיציר פון ענגלאנד אלס מיטארבעטער, וועלכער האט געקענט מיט מיליטערישער דיסציפלין דורכפירן פארשיידענע מיסיעס. אבער גאלדסמיד איז נישט געווען געווינט אנצונעמען באפעלן און עס האט צווישן אים און הערצלען געהערשט א שפאנונג. אזוי, למשל, האט גאלדסמיד זיך אפגעזאגט צו פירן דעם פארזיץ פון א פארזאמלונג מיט הערצלען אלס רעדנער און אין א בריוו צו ראטשילדן האט ער באשריבן הערצלס טעטיקייט אלס א „געפערלעכע“.

די ענגלישע חובבי ציון האבן נישט געוואלט שיקן דעלעגאטן צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס (1897). ערשט דער גרויסער דערפאלג פון דעם קאנגרעס האט אויף זיי געווירקט. א טייל איז געבליבן מיט גאלדסמידן און אנדערע זענען געווארן מיטארבעטער פון הערצלען. כדי נישט צו שפאלטן די „חובבי ציון“־באוועגונג איז פארגעקומען דעם 6־טן מערץ 1898 א קאנפערענץ אונטערן פארזיץ פון גאלדסמידן און אויף דער קאנפערענץ איז געשאפן געווארן די ציוניסטישע פעדעראציע פון ענגלאנד. שפעטער האט א טייל פון די חובבי ציון פארלאזן די פעדעראציע, אבער זייער באוועגונג האט זיך געענדיקט.

אלבערט ע. וו. גאלדסמיד איז געווען אין אפאזיציע צו הערצלען, אבער ער האט געפילט, אז ער איז צום פאליטישן ציוניזם פון הערצלען נענטער, ווי צום פילאנטראפישען „חובבי ציון“. ערשט ווען הערצל האט געוואונען פארן ציוניזם דעם לאנדאנער ראטשילד, איז געקומען צו א צוזאמענארבעט צווישן הערצלען און גאלדסמידן.

ווען הערצל האט אין יאר 1902 אונטערהאנדלט מיט ענגלאנד וועגן קאלאניזירן יידן אין על־אריש און מען האט געשיקט אהין אן אויספארשונג־קאמיסיע, איז קאלאנעל גאלדסמיד געווען סעקרעטאר פון דער קאמיסיע.

גאלדסמיד האט במשך די 6 וואכן ארבעט פון דער קאמיסיע אין על־אריש אפט געארבעט ביז 2 א זייגער ביינאכט. נאך דער ארבעט האט ער געפונען צייט צו לערנען עברית. גאלדסמידס איבערגעגעבענע טעטיקייט ארום דעם פראיעקט פון על־אריש האט אים שטארק דערנענטערט צו הערצלען. ער איז געווארן הערצלס פארטרעטער אין די דאזיקע געהיימע אונטערהאנדלונג וועגן יידישע קאלאניזאציע אין על־אריש.

אין אויגוסט 1903 איז גאלדסמיד געקומען אויפן 6־טן ציוניסטישן קאנגרעס. הערצל האט אים באגריסט און געלויבט. אין דעם זעלביקן יאר איז ער אויסגעצייכנט געווארן דורכן ענגלישן קעניג מיטן וויקטאריא־ארדען. הערצל האט אין זיין צייטונג „די וועלט“ געשריבן, אז פון איצט אן וועט גאלדסמיד זיך קענען ווידמען אינגאנצן דער ציוניסטישער ארבעט.

און די טעג פון אוגאנדא־קאנפליקט האט הערצל נישט אויפגעהערט צו

זיין טעטיק פאר ארץ ישראל און ער האט אין זיין טאג־בוך געשריבן: „איך האב געוואלט דעם קאלאנעל גאלדסמיד אויסנוצן פאר די געשפרעכן אין טערקיי, אבער ער איז געשטארבן אין פאריז“.

„אונזער באוועגונג האט אין אים פארלוירן א גרויסן קעמפער“ — האט הערצל געזאגט אין הספד נאך גאלדסמידס טויט אויפן ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט. אייניקע חדשים שפעטער, אין יולי 1904, איז אויך טעאדאר הערצל געשטארבן.

## עלי זילבערג

### פרימארגן אויפן כרמל

איך וועל שוין מער קיינמאל,
ניט זיין אזוי גליקלעך,
ווי היינט אויף די בערג
פון דעם כרמל צובליטן,
קיינמאל שוין ניט נענטער,
צו גאט און זיין גרויסקייט.
קיינמאל מער ניט שפירן,
אזא פרייד א צוגליטע.

איך וועל שוין מער קיינמאל,
ניט זען אזא שיינקייט,
ווי די בערג פון יהודה,
מיט טוי נאך באדעקט,

און יעטווידער טראפן,
ווי דימאנטענע שטיינער,
באשפגילט פון שטראלען
צו מיר זיך ענטפלעקט,

און א וואו נאר עס ווערט מיך
דער גורל פארטראגען,
וואו נאר איך וועל לעבן.
דעם רעשט פון מיין צייט,
איך וועל די זכרונות
פון כרמל פרימארגן
באהיטן אין הארצן
ביז מיין אייביגקייט.

## יידל גאלדבערג

### ירושלים עיר - הקודש

מאנטיק אין דער פרי בין איך צוזאמען מיט מיין ברודער און שוועגערין געפארן קיין ירושלים. אויפן וועג זעט מען פון ביידע זייטן גערדיכטע, צעצווייגטע פרוכט־טראגנדיקע פרדסים און אויך יונגע, ניי־פארפלאנצטע אגריקולטורעלע שטחים. בוי־ארבעט אין פולן שוואונג. אפטמאל פארט מען פארביי נישט־באפלאנצטע שטרעקעס, אויף וועלכע עס געפינען זיך אראבישע משפחות. זיי וואוינען נאך אלץ אין שמוציקע, פינצטערע געצעלטן, אזוי, ווי פאר טויזנטער יארן. עס דרייען זיך ארום אפאר קעמלעך, אייזלען און קאזעס. אפט פארט מען אדורך אראבישע הערפער, וואו מען זעט נאך פיל סימנים פון מלחמה, ווי באשאסענע הייזער, קברים ביים ברעג פון שאסיי וכדומה.

ווייטער ארויף אין די הרי־יהודה פארט מען אדורך דעם „באב על וואד“. דאס איז א טייל פונם שאסיי, וואס איז פון ביידע זייטן באפליגלט פון הויכע, שטיינערנע בערג. בעת דער 1948 באפרייאונגס־מלחמה איז דאס געווען דער איינציקער וועג, וואס האט געפירט קיין ירושלים. ווען אונזערע העלדישע קעמפער האבן באדארפט פירן שפייז און אמוניציע קיין ירושלים זענען זיי



שטארק באשאסן געווארן פון די אראבער, וועלכע האבן באהערשט די בערג פון ביידע זייטן; און עד־היום ליגן נאך פון ביידע זייטן פון דאס שאסיי איבערגעקערטע טאנקען, טראנספארט־מאשינען און אנדערע, צעשטערטע מלחמה־מכשירים. יעדעס יאר אויפן „יום־העצמאות“ ווערט אויך דארט געפראוועט א מיליטערישער פאראד, און אויף די אלע איבערגעקערטע מאשינען ווערן געלייגט בלומענקראנצן.

ווען מיר האבן זיך דערנענטערט צו ירושלים, איז אויף מיר אנגעפאלן אן אויסערגעוויינלעך געפיל פון שפאנונג און דערווארטונג. ירושלים — אונזער סימבאל פון באפרייאונג! און אט זענען מיר דא. שוין ביי די ערשטע פאר טריט אויף דעם הייליקן באדן האט אין האלז מיר גענומען שטיקן און די אויגן זענען פארלאפן געווארן פון הייסע פריידנס־טרערן. כמעט אנדערטהאלבן שעה האב איך צו קיינעם נישט געקאנט ריידן קיין ווארט; אויף אלעם געשאקלט מיט קאפ אויף יא אדער ניין.

אין הפוך מיט תל־אביב, דערפילט מען אין די גאסן פון ירושלים א געלאסנקייט און העפלעכקייט, וואס באראויקן די געפילן . . .

דאס ערשטע, זענען מיר צוגעפארן צו מאה־שערים, וועלכעס איז (גאנץ באשטימט נישט־ווילנדיק) געווארן אן אטראקציע פאר טוריסטן. מען באקומט תיכף דעם איינדרוק, אז מען געפינט זיך אין אן אנדערער וועלט. אן „אויטאנאמישע שטאט“ אין א שטאט מיט אייגענע געזעצן און מנהגים.

פארביי־גייענדיק א שולכל, וואס שטייט אויפן ראג פון א געסעלע, האבן מיר באמערקט אויף א זייטן־וואנט די פאלגנדיקע אויפשריפט: „מקום קדוש, אסור להשתין פה“. מיר האבן טאקע באלד דערפון געמאכט א פאטאגראפיע!

אביסל ווייטער, ביים מאנדלבוים־טויער — דער גרענעץ־פונקט צווישן ישראל און טראנסיארדאניען, וואו פון דער צווייטער זייט פון דעם קליינעם שטח זעט מען די יארדאנישע גרענעץ־וואך — איז געשטאנען אן עלטערע יידענע, וואס האט געוואוינט נאנט ביי דער גרענעץ, מיט א פאטשיילע אויפן קאפ, וועלכע האט מיך דערמאנט אין פרצס „איינגעשרומפענע יידעלעך“ . . . דערהערנדיק, אז מיר ריידן יידיש, האט זי אנגעהויבן צו אונז צו ריידן מיט זשעסטיקולאציעס. קודם, האט זי מיט איין האנט אנגעוויזן אויף דער שכנישער גרענעץ־וואך. דאן מיט ביידע הענט געמאכט א „פעלד־געלעזערש און הערביי געזאגט: „אט־א, אראבער!“ דערמיט האט זי אונז געוואלט געבן צו פארשטיין, אז די אראבער שפאצירן און קוקן נאך יעדע באוועגונג, וואס קומט פאר אויף דער זייט גרענעץ. ווען איך האב איר, טרייסטנדיק, געזאגט: „זיי וועלן נאך אלע זיין די כפרה“, האט זי פרום אויפגעהויבן די הענט און די אויגן צום הימל מיט א שטיל געבעט אויף די ליפן. ארויסגייענדיק צוריק פון מאה־שערים, זענען מיר פארבייגעגאנגען דאס בילדונגס־מיניסטעריום, וואו מיט עטלעכע טעג פאר מיין אנקומען אין לאנד זענען פארגעקומען גרויסע סקאנדאלן, פון וועלכע די געביידע האט נאך געטראגן אויף זיך בולטע סימנים. די שילד איבער דעם איינגאנג — צעבראכן און די פענצטער — כמעט אלע אויסגעהאקט.

מיר זענען פון דארט צוגעגאנגען צום „קול־ישראל“, וואו איך האב גע־

וואלט זעען זיך מיט לייב ראכמאן, איינער פון אונזערע פיינסטע, יונגע, יידישע שרייבער, וועלכער וואוינט יעצט אין מדינת־ישראל און איז גלייכצייטיק דער אנפירער פון יידישן ראדיא־דינסט אין ישראל. לײדער האב איך שוין געהאט פארשפעטיקט אים צו זעען, אבער ס'איז מיר געלונגען טעלעפאניש צו מאכן א באשטעלונג אויף מארגן.

דינסטיק אין דער פרי אזוי אונזער ערשטער ארויספאר געווען צום קבוץ רמת־רחל, אביסל ארויס פון דער שטאט און אויך אויף דער טראנס־יארדאני־שער גרענעץ. דער דאזיקער קבוץ האט איבערגעלעבט שווערע קאמפן בעת דער באפרייאונגס־מלחמה. עטלעכע מאל איז ער איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, און עס זענען נאך דא אויף די ווענט סימנים פון באשיסונג, וועלכע ווערן בכיוון נישט פארריכט און זענען געבליבן אלס א זכר פון דער מלחמה. אויך דא איז פאראן א שטענדיקע מיליטערישע גרענעץ־באוואכונג, און דער גאנצער קבוץ איז אין א צושטאנד פון שטענדיקער באוואפנונג און מלחמה־צוגעגרייטקייט.

פון דער ווייטנס, אונטן אין טאל, פינקלען אין דער זון די גאלד־פארביקע קופאלן און דעכער פון בית־לחם און יריחו.

דער הר־ציון, וואו ס'געפינט זיך דאס קבר פון דוד־המלך, איז געווארן איינע פון די גרעסטע טוריסטן־אטראקציעס אין לאנד. דער גאנצער צוגאנג צום קבר, די פארטונקלטע חדרים מיט די אנגעצונדענע נשמה־ליכטלעך, העלפן שאפן אן אטמאספערע פון טיפער מיסטיק. אריינקומענדיק אין חדר גופא, וואו עס שטייט דאס קבר, האבן מיר בייגעוואוינט אזא מין סצענע: ביי דער באר־ריערע, וואס איז כמו א מחיצה צווישן קבר און די באזוכער, איז פון באזוכערס זייט געשטאנען א יונג פארפאלק, תימנער, מיט א פיצעלע קינד אויף די הענט. פון דער אנדערער זייט איז געשטאנען א ייד מיט בארד און פיאות און מיט א האנט אויפן קינדס קעפעלע, זאגנדיק א תפילה. און אזוי גיך ווי ער האט פארענדיקט, איז אין זיין פרייער האנט אויסגעוואקסן א שערעלע, מיט וועלכן ער האט כהרף־עין אפגעשניטן א לאק פון דעם קינדס האר און גיך עס אווארף געטאן אונטער דעם פרוכת, וואס פארדעקט כלומרשט דאס קבר.

אויפן הר־ציון איז אויך פאראן א מוזעאום צום אנדענק פון חורבן־היטלער, ימח שמו. דא זעט מען פלעשעלעך מיט גיפט־גאז, וואזעס מיט אש פון די קרעמאטאריעס. אין א צווייט צימער זענען אויסגעשטעלט געשענדעטע ספרי־תורה, זייף געמאכט פון מענטשן. אין א דריט צימער זענען די ווענט באהאנגען מיט „פלאקן", וואס טראגן אויף זיך די נעמען פון אלע שטעט און שטעטלעך פון אלע לענדער, וואו די רוצחים האבן געהערשט. אין דער מיט פון דעם צימער שטייט א זעקס־זייטיקער „זייל" אין פארם פון א מגן־דוד, און דאס איז לזכר דער געלער לאטע.

אויפן הר־הערצל שטייען די קברים פון הערצל און פון אייניקע מיט־גלידער פון דער הערצל־משפחה; נחום סאקאלאוו און זיין פרוי, וואלפזאן, געוועזענער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער באוועגונג. עס איז אויך דא א מיליטערישער בית־עולם, וואס האט די פארם פון א שיף. עס שטייט אויך



דארט דער „יד־ושם", א מוזעאום צום אנדענק פון ווארשעווער געטא. אין דעם איינגאנגס־זאל איז פאראן א שטענדיקע בילדער־אויסשטעלונג פון יידישע מארטירער־העלדן. אין דעם טאג זענען געווען אויסגעשטעלט די בילדער פון די פאלגנדיקע: ד"ר רינגעלבלום, אננא פראנק, שמעון דובנאוו, יאנוש קארטשאק, פראפ. מ. באלאבאן, יצחק קאצענעלסאן, רבי יוסף צבי קארלעבאך, רבי יחזקאל מיכעלסאן (ווארשע) רבי מאלכא (בולגאריען).

אן אויפזעער פון דעם מוזעאום האט מיר געזאגט, אז היות זיי האבן אזויפיל אויסצושטעלן, ווערן די בילדער אלע דריי חדשים געביטן.

דאס מוזעאום איז געבויט אין פארמאט פון א וואסער־קאנאל, אונטערערדיש אזוי, ווי עס האבן געלעבט די העראאישע קעמפער פון ווארשעווער געטא. אויף אייניקע שטעלן, וואו עס זענען פאראן קליינע גראטעס און מען זעט א פיצעלע באלויכטענעם, פיקטיוון הימל, באקומט מען באמת דעם איינדרוק, אז מען שטייט אין א „בונקער", וואו דער קדושים־געראנגל האט זיך העלדיש אפגעשפילט.

צוריק אין שטאט צו דער באשטימטער שעה זיך צו טרעפן מיט לייב ראכמאן אין „קול ישראל". ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף לאנדאנער שרייבער בכלל, און בפרט אויף אונזער שטענצל. נאך א קורצן געשפרעך איז באשטימט געווארן, אז די קומענדיקע וואך וועל איך מאכן א „רעקארדינג" פון פיר יידישע פאלקסלידער.

### חיפה

א באצויבערנדיקע, פרעכטיק־שיינע יואוועל מיט זון־באלויכטענע פאסעטן און שאטירונגען. דאס איז חיפה. פונקט אזוי ווי אין ירושלים פילט מע דא א רואיקייט, א געלאסנקייט און העפלעכקייט פון מענטש צו מענטש. חיפה איז געבויט בארג־ארויף, און שטייענדיק אונטן ביים ברעג פון ים, האט מען, ארויפקוקנדיק, א וואונדער־שיין בילד פאר די אויגן. העכער און העכער שטייען די רייען הייזער און ווילאס פון ווייסן שטיין. מען באקומט דעם איינדרוק, אז דאס אלעס וואקסט ארויס פון בארג גופא, אזוי, ווי שימערירנדיקע ווייסע בלומען.

מיר זענען ארויפגעפארן צום כמעט העכסטן פונקט פון דער שטאט, וואס הייסט פאנאראמא. פון דעם פונקט זעט מען די גאנצע שטאט אין איר פולער שיינקייט. נאך אביסל העכער, טאקע אויפן העכסטן פונקט פון דער שטאט, שטייט דער „דן כרמל"־האטעל; אן אמתער לוקסוס האטעל אויף א גראנדיעזן אמעריקאנער־אייראפעאישן סטיל.

נאך עטלעכע שעה ארומשפאצירן, האב איך געזאגט צו מיין ברודער, אז ס'איז צייט אהיימצופארן. אבער ער האט געזאגט, „ניין, מיר וועלן צווארטן ביז עס וועט פינצטער ווערן!" כ'האב אפילו נישט פארשטאנען וואס ער האט געמיינט, אבער כ'האב געפאלגט.

די נאכט איז צוגעפאלן שנעל און אומבאמערקט. יעצט, האט געזאגט יוסף, וועלן מיר צוריק ארויפפארן צום פאנאראמא. ווען מיר זענען אהינגעקומען, האב איך ערשט פארשטאנען דעם שכל דערפון. א פארכשופטער און אן ווער־

טער בין איך שטיין געבליבן מיט א פארכאפטן אטעם און געקוקט און געקוקט און געקוקט אן אויפהער. פאר מיינע אויגן איז געלעגן א „לעגענדע". די פיל־פארביקע, פינקלדיקע באלייכטונג איבער דער גאנצער שטאט האט געמאכט דעם איינדרוק פון א וואונדערלעכער „פאבעל"־שטאט פון „טויזנט און איין נאכט". נאך א ווייל זענען מיר לאנגזאם און נישט ווילנדיק אוועק צום אויטאבוס און אהיימגעפארן.

### מגדול־אשקלון

אל תגידו בגת
אל תבשרו בחוצות אשקלון,
פן תשמחנה בנות פלשתים,
פן תעלוזנה בנות הערלים. (קינת דוד על שאול ויהונתן, שמואל ב א, כ)

דער וועג צו דער ביבלישער שטאט אשקלון האט אונז געפירט דורך מגדל, אן אלטע אראבישע שטאט, וואס האט נאך ביז היינט א באדייטנדע מערצאל פון אראבישע איינוואוינער. דאס ערשטע האבן מיר באמערקט אן אפיש, וואס האט אנגעזאגט א יידיש־טעאטער פארשטעלונג. מען זעט בעדואי־נישע פרויען זיצן אויף די טראטוארן, ווארטנדיק אויף זייערע הארן. די איינ־וואוינער זענען, אין אלגעמיין, א געמיש פון אראבער און תימנער און מאראקא־נער און סתם אריענטאלישע יידן פון א שבט פון א נידעריקערן ניווא. דעם גרעסטן קאנטראסט זעט מען אין די קינדער אין גאס: שמוציק, פארנאכלע־סיקט, נישט אפגעוואסן, די האר נישט פארקעמט; א פיינלעך אומאנגענעם בילד. אל תגידו בגאס . . .

אשקלון, די היסטאריש־ביבלישע שטאט איז היינט אויך אן אטראקציע־פונקט פאר טוריסטן. דארט געפינט מען אויסגראבונגען פון דער רייכער פארגאנגענהייט — דאס רוב פון דער רוימישער תקופה.

ווען מיר זענען אהיימגעקומען, איז געווען פאר מיר א מיטטיילונג, אז מארגן, דינסטיק, 8 אזייגער אין אוונט, זאל איך זיין ביים „היכל התרבות" אין תל־אביב, ווייל עס איז געלונגען צו באקומען פאר מיר א בילעט אויף א קאנצערט אין דעם זעלבן אוונט.

## מ. ח. ליכטשטיין

### יוני - געבעט

וויג מיך איין אין דיר,
ווי דו וויגסט איין א בוים,
אין ווינט, אין תכלת און אין יוני־גאלד.
כ'וואלט
ווי ער, א קינד פון דעם רוים,
מיט צווייגן־הענט צו ליכט זיך געצויגן.
הימל־מילך פון וואלקן־ברוסטן געזויגן,
און פארגאנגען אין שלאף
און אין שלוה פון אין־סוף.



## משה בעקערמאן

### י א ס ע ל ע

נאך דעם ווי זיין פאטער האט אויסגעשפיגן דעם לעצטן טראפן בלוט און אויסגעהויכט דעם לעצטן אטעם פון די שווינדזיכטיקע לונגען איז דאס צוועלף יעריקע יינגעלע שוין פארבליבן אין שטעטל, וואס ליגט אויף דער ברעסט־ליטאווסק — ווארטע אייזנבאן ליניע, ביי זיין פאטערס א ברודער.

געקומען איז יאסעלע צו זיין פעטער פנחם בשעת מען האט געבראכט דעם פאטער זיינעם פון א נאנט שטעטל איז יידישן שפיטאל אריין פון דער שטאט מ. דאס איז געווען די איינציקע שטאט אין דעם געגנט צו פארמאגן א יידיש שפיטאל.

ביים אוועקפירן דעם חולה פון שטעטל איז אויף די פנימער פון אלע באג־לייטער געלעגן די פראגע: גאט אליין ווייסט צי דאס איז שוין נישט זיין לעצטע נסיעה, ווי דאס הארץ וואלט זיי געזאגט, אז דאס מאל וועט שוין דער חולה־מסוכן קיין לעבעדיקער פונעם שפיטאל נישט ארויסקומען. יאסעלען אלס זיין נאנטסטן האט מען געשיקט צו אים אין זיינע געציילטע, לעצטע טעג . . . אפשר וועט עס אים זיין א שטיקל טרייסט וואס דער קדיש זיינער געפינט זיך נאנט לעבן אים, אפשר וועט זיך דערוועקן אין אים א ווארעם פאטערלעך געפיל צו יאסעלען.

ס'איז אבער שווער צי גאר אוממעגלעך זיך אריינצוגריבלען אין די מחש־בות פון א מענטשן אויפן טויטן בעט . . .

צי דאס האט זיך גענומען דערפון וואס יאסעלע — דער בכור — איז געבוירן געווארן בשעת דער פאטער איז געווען אויף „סלוזשבע" צי דערפון וואס דער פאטער איז צוריק אהיימגעקומען פון סמאלענסק שוין מיט קראנקע לונגען, נאר דער אמת איז, אז ביים ערשטן באגעגעניש צווישן פאטער און זון האט יאסעלע זיך באגעגנט מיט א פנים אן א שמייכל, מיט אויגן וואס זאגן גארנישט, מיט הענט וואס באוועגן זיך נישט אפילו א גלעט צו טון א קינד אויפן קעפל. יאסעלע האט זיך אין יענעם מאמענט געפילט ווי אן איבעריקער צווישן טאטע־מאמע.

אט די דאזיקע קאלטקייט צו יאסעלען האט זיך אין משך פון די יארן נישט געענדערט. להיפך, זי האט זיך נאך בולטער ארויסגעוויזן צו אים. און ווען ער האט אמאל פון זיינער א מומע באקומען א מתנה א קאיעט מיט טינט און פעדער און זיך מיט גרויס התלהבות גענומען עפעס שרייבן פון א לערן־ביכל, האט זיין פאטער פלוצלינג אן א ווארט א שליידער געטון דעם טינטער אויף דער פאדלאגע. נאטירלעך, האט זיך דער טינט אויסגעגאסן, און יאסעלע איז געבליבן אן לשון, קוקנדיק אויף דער פאדלאגע ווי דארט וואלט געלעגן א מת . . . נישט קיין טינטער, נאר זיין וועלט ממש איז דעמאלט צעשמעטערט געווארן! . . .

און אז מיט יארן שפעטער, ווען די ארימע פאמיליע איז באווייכערט געווארן מיט נאך א זון, האט יאסעל בשום אופן נישט געקענט פארשטיין

פארוואס זיין פאטער ווייזט ארויס אזויפיל צערטלעכקייט און ליבשאפט צום יונגערן ברודער זיינעם.

נאר ווער אחוץ יאסעלע איז געגאנגען ברענגען דעם דאקטאר ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען פונם סאנאטאריום אין סלאוויטע און זיך ווידער געלייגט אין בעט אריין און גענומען שפייען מיט בלוט אין א זאמד־קעסטל ביים בעט? ווער דען, אויב נישט ער, איז געגאנגען אין אנדערן שטעטל אריין ברענגען פארן טאטן אביסל פרישע יויך פונם רבינס קיך?!

דעם פאטערס פארהאלטונג צום זון האט זיך דאך נישט געבעסערט.

אט די אומאנגענעמלעכע שטימונג האט נאך ביטערער געמאכט די אטמאספערע פון דער ארעמער היים, און די געמיטער פון גאנצן הויז־געזינט זענען געווארן נאך טרויעריקער.

דעם עול־פרנסה האט געדארפט טראגן יאסעלעס דערשלאגענע מוטער, כדי אריינצוברענגען כאטש די מינימאלסטע לעבנס־באדערפענישן אין שטוב אריין. אחוץ דעם האט זי אויסגעמיטן צו ערגערן דעם קראנקן מיט וועלכע נישט איז פראגעס. איז טאקע אט די אנגעשטרענגטע שטימונג פארבליבן אן ענדערונג ביז מען האט געשיקט דעם חולה אין יידישן שפיטאל אריין אין דער שטאט מ. ביים טייך קזשינא.

פון דער גאנצער משפחה אין שטאט איז יאסעלע געווען כמעט דער איינציקער טעגלעך צו באזוכן דעם פאטער. ס׳איז שווער צו פארשטיין וועמעס שולד עס איז געווען וואס די דריי ברידער האבן זיך פארהאלטן אזוי גלייכגילטיק איינער צום אנדערן. ווער ווייסט, אפשר איז עס א שטריך אזא פון דור־הדורות אין די אדערן פון דער פאמיליע אדער אפשר איז עס גאר א פועל־יוצא פון יאסעלעס פאטערס באציאונג צו יאסעלען? אודאי האט עס געקענט זיין א מורא: טאמער וועט מען זיך אנשטעקן מיט דער טויטלעכער קרענק, אויב מען וועט קומען באזוכן דעם קראנקן ברודער אין שפיטאל . . . נאר יאסעלע איז נאך דעמאלט געווען צו יונג עס צו פארשטיין.

אמאל אין איינעם א פרייטאג־צו־נאכטס נאכן עסן האט מען יאסעלען געזאגט, אז ער וועט דארפן איבערנעכטיקן די נאכט אין שפיטאל ביים בעטל פון זיין פאטער. אינסטינקטיוו האט דעמאלט דאס יינגל דערפילט, אז דער חולה וועט שוין לאנג נישט אנהאלטן. א גאנצע נאכט האט ער קיין אויג נישט צוגעטון, וואכנדיק איבערן קראנקן אינם האלב־פינסטער צימער. יעדעס מאל, ווען ער האט אים אריינגעגאסן א לעפל מילך אין מויל אריין, האט יאסעלע באגעגנט מיט צוויי קלארע, בלאע אויגן, וואס האבן אויסגעזען פרעמד אויפן אויסגעדארטן, בלוטלאזן פנים פונם קראנקן פאטער. אט די אויגן האבן זיך עפעס נישט געפאסט צו דעם האלב־טויטן קערפער.

וואלטן אבער די אויגן געקענט רעדן, וואלטן זיי אפשר יאסעלען קלאר געמאכט אסך זאכן, וואס זענען אים געווען אומפארשטענדלעך . . . זיי האבן אבער גארנישט געזאגט, אפילו קיין סימן פון טרויער אויך נישט אויסגעדריקט. עפעס זענען אט די צוויי אויגן געשטאנען דעם מלאך־המות ווי א ביין אין האלז און פון אים חוזק געמאכט, ווי איינער רעדט:



— כל־זמן איך האלט נאך די אויגן אפן, זענען דיינע שווארצע פליגל מאכטלאז! . . .

אין יענער נאכט האט זיך אין יאסעלען דערוועקט א רחמנות צו דער הילפלאזער פיגור זיין טאטן. וואלט ער דאך געווען העכסט צופרידן אז דער פאטער זיינער זאל בלייבן לעבן אפילו ווען ער זאל ווייטער אים נישט ארויסווייזן קיין שום פריינטשאפט, אבי ער זאל נישט אויסזען ווי קיין צאנקענדיק ליכט. א לעבעדיקער טאטע איז דאך א טאטע . . .

ביז שפעט אין טאג אריין יענעם שבת האט יאסעלע געוואכט איבערן פאטער, און אן אויסגעמוטשעטער פון נישט שלאפן האט ער זיך דערנאך געלאזט גיין צום פעטער איבערגעבן די לעצטע נייעס. ווען א שעה שפעטער איז ער ווידער ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ פון שפיטאל, האט מען שוין געהאלטן אין אראפטראגן דעם בר־מינן פון זיין פאטער. די פרעמדע יידן, וואס האבן זיך מתעסק געווען מיטן מת, האבן נישט געקוקט אין יאסעלעס ריכטונג, ווי דאס וואס זיי טראגן אויפן טהרה־ברעט קיין שייכות נישט מיט אים . . .

לאנג דערנאך ווי די יידן האבן פארלאזט דאס שפיטאל איז יאסעלע געשטאנען ווי צעמישט אויף די טרעפ. פלוצלינג האט ער זיך דערפילט א יתום פונקט ווי די אנדערע יינגלעך, וואס האבן געהאלטן אין איין וויינען איבער א געשטארבענעם טאטן אדער מאמען.

נאך מיט א צייט פריער, איידער יאסעלע איז געווארן א יתום, האט ער געהאט א מאמענט אין לעבן ווען ער האט געפילט ווי טרערן שטיקן אים. נאר ער האט זיך געשעמט צו וויינען, טאמער באמערקט עס עמיצער און זאגט אים, אז עס פאסט נישט פאר א יינגל צו טון אזא זאך. אבער איצט פילנדיק זיך אזוי עלנט דורכן טויט פון זיין פאטער איז אים איינגעפאלן, אז ער קען זיך פארגינען צו וויינען וויפל זיין הארץ גלוסט נאר און קיינער וועט שוין פון אים נישט לאכן, ווייל מען דארף דאך האבן א הארץ פון א טאטער צו לאכן ווען א יתום וויינט! . . . נאר גראד אין דעם מאמענט, ווען ער שטייט אזוי דערשלאגן אויף די טרעפ פון שפיטאל, באווייזן זיך עפעס נישט קיין טרערן אין זיינע אויגן . . .

לאנגזאם איז ער אוועק פון שפיטאל, לאזנדיק זיך גיין איבער די גאסן אין דער קאלטער ווינטער־נאכט צו איינעם פון זיינע פעטערס מיט דער טרויעריקער בשורה, אז ער איז א יתום געווארן . . .

## א. נ. שטענצל

### מיין ערשט ליד

1

דער ווינטער איז געווען א ביטערער, מענטשן זענען פשוט אויסגעגאנגען פון הונגער און קעלט. צו באקומען א ליימיק, קלעפיק ברייטל, האט מען געמוזט שטיין שעהנלאנג אין די לאנגע רייען, וואס האבן זיך געצויגן איבער די אייזיק פארקאווועטע גאסן; מ׳איז געשטאנען ביז מ׳איז אליין געווארן א שטיק אייז, פארשאטן מיט שניי.

נאך אפאר געפרוירענע קארטאפל האט מען געמוזט אפווארטן א גאנצע נאכט אויפן גרויסן הויף פון דער „ווארטא״, אהיימצוברענגען א טריפנדיק אויפגעטייעט זעקל מיט עפעס צעקוועטשטס און פארפוילטס.

גאנצע נעכט פלעג איך מיך דרייען אין די פינסטערע, געפערלעכע געסלעך, א ציטערנדיקער פון קעלט און מורא מיך שארן בײַ די ווענט, וואו ס׳האט געראַיעט מיט אונטערוועלט, מיטן אפפאל פון דער שטאט, מיט בארפיסער און נאקעטער ארעמקייט! ווי אליין עפעס א גנבל, א „בלאטער״ צווישן דער קוילן־„ראמפע״ און דער „ווארטא״־פאבריק. און אז דאוויידזאן, דער שפיליטער, האט נאר געהאט א וואגאן קוילן, פלעגט ער שוין זעען, אז איך זאל באקומען א וואגן. און א נישט־אויסגעשלאפענער, א געפרוירענער מיך ארויפכאפן — א מזלדיקער! — אויפן וואגן און בשלום אהיימברענגען די דרייסיק פוד קוילן מיט א צולאג דערצו, דאס טריפנדיקע זעקל מיט די געפרוירענע, פארפוילטע דרייסיק פונט קארטאפל.

פארן סקלאד האבן שוין געווארט א רײַ געפרוירענע מענטשן, מיט עמערס און שיסלען, „צוצעכאפן״ די פאר פוד קוילן. און איך בין אריינגעכארן דורכן טויער מיט „זאק־רויב״, ווי א פעלדמארשאל דורך א טריאומף־בויגן, צום פרייד פון די „מאסן״ מיט די קלאפנדיקע, ליידיקע עמערס און שיסלען.

און פון די געפרוירענע קארטאפל האט די מאמע געמאכט גאנצע מעדנים. פון א גאנצער וואך די אנגעזאמלטע פאר אייער פון איר קוואקע מיט הינדלעך, האט זי אריינגעקלאפט אין די אפגעוואשענע, צעריבענע קארטאפל און אויסגעבאקן דערפון אזא מין אייערקוכן, פון וואס מיר האבן געלעבט א גאנצע וואך. פון וואס אבער האבן געלעבט איר קוואקע מיט די הינדלעך? פון די ליימיק־קלעפיקע, שווארצע ברייטלעך, „ממש סם צו נעמען אין מויל אריין״, ווי די מאמע פלעגט זאגן. מיט רעכט, אבער אויך כדי זי זאל קאנען אנגיין אין די שווערע מלחמה־יארן מיט אירע קוואקעס און הינדלעך. זי פלעגט ארויסגיין אין דער פרי אין קעמערל פאר דער קיך־טיר, זיך שטעלן אויף דער שוועל אזוי אין דער זיידענער קאפקע, נאך אין דער קאלירטער האלקע, א נישט־אויסגעשלאפענע, א ווארעמע פון בעט ארויס, אליין עפעס אזא חלום־פויגל, און אויף פויגל־לשון — „טשיפ־טשיפ־טשיפ, טשיפ־טשיפ־טשיפ״ — צעפיצלען אזא ברייטל מיט גאלד נישט אפצווועגן...

דער טאטע האט טאקע אײַנגעזען, אז אזא שטיקל אייערקוכן איז נישט נאר באטעמט, נאר טאקע נארהאפטיקער ווי אזא גאנץ ברייטל. אבער ער האט געהאלטן, אז דעם מאגן מוז מען אנפילן; ער מוז פילן א וואג, אז ער טראגט עפעס אין זיך — א מאגן קאן מען נישט אפנארן!

און דער עיקר אזא ברייטל, וואס עס זאל נישט זיין און ווי ס׳זאל נישט זיין, ס׳איז מזון־סעודה. מ׳לייגט א טישטוך, מ׳דעקט א טיש, זאלץ־מעסטל, א מעסער, מ׳וואשט זיך, מ׳מאכט א ברכה, מ׳בענטשט — ס׳איז א סעודה! אזא שטיקל אייערקוכן, א בורא־נפשות און פטור.

ער האט אבער אויך אײַנגעזען, אז דער מאמעס נחת — דאס לעצטע שטיקל זכר פון די „טשעלאדזשער פולווארקעס״ — איז אויך נישט מיט גאלד



אפצוואוועגן . . . און פון די קוואקעס מיט הינדלעך איז טאקע אויך געווען א הענדל לכבוד שבת! און אויף א גאנצער וואך דאס דרויבעכץ אזוי איינגעטיילט, אז אלע טאג איז געווען א פליישיק מיטאג . . .

פון אזא מין לעבן האט זיך ביי אסתרן צוריק אנגערופן איר קראנקהייט. ביים טאטן האבן זיך גענומען מעלדן פארשיידענע מיחושן. איך, אז איך פלעג טרעפן וועוטשען נאכן אהיימברענגען אזא וואגן קוילן, זענען מיר קודם אריין „הינטן ארום״ צום וועלוינער בעקער און „צערעכט געמאכט״ א ברייטל כהרף־עין.

עס איז טאקע נאר געבליבן איין עצה, זעען צו האבן וואס מער קוילן און אויב נישט, פארקויפן הינטן ארום, אדער פארטיילן עס אזוי, אז ס׳זאל ווערן מער ווי ס׳ברויך צו זיין . . . אז ס׳זאל סטייען וואס לענגער, אז די ברכה זאל אריינקומען . . . דאס לעבן לערנט אויס ווי מ׳זאל לעבן — אז ס׳ברעכט נישט איינעם, בייגט עס אים אבער! כ׳האב אויך מיינע יונגע אקסלען גענומען פילן דעם עול פון דער משפחה; א ליבשאפט, מיך מקריב צו זיין פאר איר . . .

צו דער גמרא האט עס מיך נישטמער געצויגן, אבער צו לייענען א ביכל — יא. כ׳וואלט אבער נישט געוואגט אין דער היים אנידערצוזעצן מיך ביי א בוך און לייענען, טאקע ווייל כ׳האב געפילט, אז כ׳האב דעם כוח, — דער פרנסה־אריינברענגער, אזוי צו זאגן! דער טאטע וועט גארנישט זאגן, ער וועט אין זיך דריקן. איז, אז איך האב געהאט א פרייע שעה, האב איך מיך ארויפגעכאפט צו שטשעקאצן, קייגנאיבער אונזער סקלאד. אויפן העכסטן שטאק איז געווען א טרעגער־שטיבל, וואס א גאנצן טאג איז קיינער דארט נישט געווען, און ביחידות געלייענט — עס איז שוין געגאנגען לייכטער! נישט נאר האב איך שוין פארשטאנען, נאר געפילט, מיך אריינגעלעבט. ביי דינעזאנס „יאסעלע״ בין איך פשוט געזעסן, ווי א יידענע ביי א תחינה, און געגאסן מיט טרערן. אין א זשורנאל, יונה ראזענפעלדס א דערציילונג, האב איך געלייענט מיט אן אפן מויל, נאכאמאל מטעים געווען א זאץ, ווי ביי א תוספות, און געשפירט ווי דער מוח האט זיך געהויבן: כ׳האב עס געוואלט דערטאפן . . .

איינמאל, ארויפקומענדיק, זיצט דוד ווינדמאן ביי א חומש מיט עברי־טייטש און פארטייטשט זיך ווארט ביי ווארט, ווי א חומש־יינגל אין חדר. ער האט אויסגעזען נארמאל, ניט משוגע, קלארע אויגן, א שיין צעוואקסן בערדל. די מלחמה האט אים אויסגעניכטערט פון זיין ווילדקייט און משוגעת. די ברידער האבן איבערגענומען זיין עלעגאנטע ראזורע אין נייעם מארק און געצאלט דער מוטער, וועלכע האט געוואוינט הינטן אין הויז, אזויפיל, אז ער זאל קאנען שטיל אנגיין מיט זיין נייעם דרך אין לעבן.

מיך דערזעענדיק, האט ער אויסגערופן: „גאט האט אייך צוגעשיקט. לערנט מיט מיר אדער לאזט מיך זיצן ביי אייך, ווי דעמלט, און צוהערן ווי איר לערנט״. איך בין רויט געווארן, פארשעמט: איך האב מער נישט געקענט לערנען אזוי ווי דעמלט; כ׳האב מער דעם ניגון נישט געהאט אין קול . . .

כ׳בין געבליבן שטיין. איך, דער וואויל־לערנער, א טאטנס א קינד, וואס בין אראפ פון גלייכן וועג, אקעגנאיבער דעם בעל־תשובה, דעם פעלדשער יונג,

וואס טאפט זיך אויף א נייעם דרך מיט נעגל פון זיין משוגעת: „וישם — און דו זאלסט טוען, את המנורה — די מנורה“, אפהענטיק און טרויעריק — מיינע אויגן זענען זיכער געווען צעמישט און דער שטן האט משוגע אין זיי געטאנצט.

ער האט מיך, בעטנדיק, אנגעקוקט און דאס קול האט עפעס געקלונגען ווי טרייסטנדיק: „איך מיין נישט, חלילה, בחינם. מיר וועלן אויסטוישן א שעה פאר א שעה: איר וועט מיט מיר לערנען חומש, חיי־אדם, עין־יעקב, און איך וועל אייך לערנען שפילן פידל. איר, מיט אייער געהער, מיט אייער נגינה, וועט איר אין איין וואך שפילן סיראטעס „ושמרו“; הערט, כ׳וועל אים אייך פארזינגען“.

געזאגט און געטון! און זיין זינגען, וואס ער האט ער געוואלט מאכן מיט מער הארץ, מיט מער געפיל און יידישלעך, ווי אן אמתער חזן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז דאך נישט אינגאנצן. די הועיות, די תנועות האבן זיך אים גענומען ווילד רייסן פון די צעשפרייטע פינגער, פון די אויפגעריסענע אויגן.

מיר האבן עפעס אפגעמאכט. איך האב אים צוגעזאגט און בין שנעל אראפ פון די שטיגן. איך האב געהערט מיט שרעק, ווי ער לויפט מיר נאך. ער האט מיך דעריאגט אויף דער לעצטער שטיג: „קומט דאך אריין, כ׳וועל אייך ווייזן די פידל“. צי ער האט געמיינט, אז איך גלויב אים נישט, אז ער האט טאקע א פידל און אז ער שפילט נאטן, צי ער האט זיך מיישב געווען, אז דער „ושמרו“ איז נישט דאס, וואס קאן מיך צוציען: „קומט אריין, וועל איך אייך אויפשפילן“.

כ׳בין מיט אים אריין אין אן ארעמער שטוב. אן אלטע מאמע אן אויסגעדארטע איז געזעסן א טרויעריקע מיט די הענט אויף די קני. ער האט ארויסגענומען א שיינע, געטאקטע פידל מיט א שמיציק פון א פוטולאר. די אויגן האבן זיך אים פארמאכט און ער האט אנגעהויבן צו שפילן. די מוטער האט צו מיר געשאקלט מיט טרערן אין די אויגן, ווי איינע זאגט: זעט, מענטשן, ווי גאטס קללה האט זיך אויף מיר אויסגעגאסן; א זון א בוים, און וואס פון אים איז געווארן.

איך האב אויף איר געקוקט, און טרערן פון מיינע אויגן האבן זיך שטיל גענומען גיסן: ער האט געשפילט די טענער, דעם גמרא־ניגון, וואס איך האב דעמלט מיט אים, מיט דעם ניגון, געלערנט . . . ווי דעמלט, ווען ער איז געזעסן ביי מיר, זיך צוגעהערט און שטיל צוגעשאקלט.

איך האב געוואלט הערשטיקן די טרערן, זיי האבן מיך גענומען שטיקן אין קעל. איך בין שטיל ארויסגעגאנגען. דרויסן אין דער פינסטער האב איך נאך געהערט שפילן דעם גמרא־ניגון.

* * *

ס׳איז שוין געווען ארום פורים־צייט און ס׳איז שוין געווארן אביסל ווארעמער און אביסל נארמאלער. דאס געיעג נאך קוילן האט אויפגעהערט און וואוטשע האט מיר געזאגט, אז ביי לאזער פלאצקער אויפן הויף, אין דער אפיציינע, אין קרימעלעווער שטיבל זעט מען א גאנצן טאג נישט קיין מענטש און מ׳קאן זיצן א גאנצן טאג אומגעשטערט און לעזן. זיי זיצן דארט אין דער



ווייבער־שול, לאזער מיט יאנקלען דעם עסיק־מאכער׳ס, גאנצע טעג און לעזן.

זיי האבן זיך ביידע צוגעגרייט צו דער לעצטער קלאס פון דער רוסישער גימנאזיע; גאנצע טעג געגארעט גראמאטיקע, פון אויסנווייניק געלערנט קריילאוס באסניעס און מיטאמאל — מלחמה און מיטאמאל — אויס רוסישע גראמאטיקע, אויס קרילאוו. גארען זיי יעצט העברעאישן דקדוק און חזרן ביאליקס „וויערשעס“ — זיי זענען געווארן פייערדיקע ציוניסטן! מיט זיי האט זיך פארחברט דער „משוגענער“ שיפער, וואס האט שוין געלערנט אין לעצטן קלאס גימנאזיע און געדרוקט העברעאישע לידער אין „עולם קטן“ — ווי ער קומט צו העברעאיש ווייסט איך גאט אין דער וועלט, שיפער, פון דער צוקערניע אין דער ערשטער אליע, און דווקא אסימילירטע משפחה.

קיין גימנאזיע איז טאקע מער נישט געווען, נאר שיפער אין גימנאזיע־מונדיר, דאס גימנאזיע־היטל פאררוקט הויך איבערן שטערן, תמיד צעקאכט מיט א דעקלאמאציע — טשערניכאווסקי, שניאור; מיט א דיסקוסיע — אחד־העם, הערצל, סאקאלאוו, האט אויסגעזעען ווי א סאלדאט אקארשט ארויס פון א „נא־שטיך“. און נאך זיי דריי האט זיך נאכגעשלעפט דער הינקענדיקער סטודענט, ווי א מלחמה־אינוואליד און זיך געהאלטן אין איין שעלטן: „כאראבא, אין דער ערד מיט אייך אלע צוזאם. דא גייט עס איצט אין גאנץ עפעס אנדערש, זענען זיי דא מיט זייערע זשידאווסקע מעשיות“ . . .

זייער נעסט איז געווען אויבן אין דער ווייבער־שול און אונטן, הינטערן שטיבל, האט געוואוינט די סטרוזשקע פון הויז און אלס ביי־פרנסה האבן ביי איר געוואוינט צוויי גאסן־פרויען. אז ס׳איז געקומען א גאסט, איז א פרוי ארויס, טראגנדיק א דערע אין דער האנט, און דער גאסט האט זיך איר נאכגעשלעפט אין שטאל אריין, הינטערן בית־הכסא. אינמיטן א דיסקוסיע האט דער לאמער סטודענט, וואס איז געשטאנען ביים פענסטער, אויסגערופן: „שוין ווידער איינער!“ און מיר אלע האבן זיך געשטופט זעען ווי א „לאנד־שטורמער“, אן אלטער סאלדאטל אין קורצע שטיוועלעך שלעפט זיך נאך אין שטאל אריין.

אין איין טאג איז דער הויף פול געווען מיט „לאנד־שטורמער“ — א באלאגערונג! איך האב מיך קוים אדורכגעשטופט. הערנדיק זייער געלעכטער הינטער מיר: „יודע, ווילסט אויך . . . שטעל דיך אין דער ריי!“

פון אויבן האבן מיר געזעען, נישט נאר די צוויי פרויען, נאר אויך די סטרוזשקע אנגעפארבט ווי זיי מיט א רויט שטיק פאפיר די צעקנייטשטע באקן און לויפט אהין און צוריק מיט א דערעלע . . . די „ריי“ האט געווארט געדולדיק, איבערגעשריגן, געלאכט, זיך געוויצלט ביז ס׳וועט אנקומען יעדן זיין „ריי“ . . .

דער לאמער סטודענט, וואס איז געווען אויסגעקאכט אין די זאכן, האט שטייענדיק ביים פענסטער ארויסגעזאגט זיינע השערות: „מיר דאכט זיך, אז זיי שטייען נישט דא זיך צו אמוזירן, נאר זיך אנצושטעקן . . . זיי ווילן „כאפן“ אן „אורלויב“ איידער די קאמפאניע וועט געשיקט אויף דער פראנט־ליניע“ . . .

וואס אן אמת, יעדעס מאל ווען ער האט ביים פענסטער א געשריי געגעבן:

„ווידער איינער!", האט עס ביים הארץ א טיאך געטון, אונטערן נאפל א קיצל געטון, און צולויפנדיק צום פענסטער, געוואלט נאך דערכאפן דווקא דאס נאכשלעפנדיקע דערעלע . . . ווי אט אין דעם שמוציקן דערעלע וואלט געשטעקט די גאנצע תאווה . . . ווי שמוציק דאס דערעלע איז נישט געווען און ווי מיטן רויטן פאפיר אויסגעשמירט די נקבה, האט עס געצויגן מיט א סוד, מיט א נייגיריקייט צו דער שטאל אהין. עפעס האט זיך געפילט ווי א רויטקייט באדעקט דאס פנים, ווי אויסגעשמירט מיט א רויט ביבולקע פאפיר. איצט איז דער גאנצער נייגיר ווי פארשוואונדן: רייען, מען קען שוין זעען רייען גאנצע טעג, ברייטלעך, קארטאפל, קוילן . . . דארטן אין די געסלעך, צווישן דער ראמפ און „ווארטע" שטייען זיי דאך גאנצע נעכט ווי די שאטנס און ציען איינעם ביי די ארבל . . . און ווען דער לאמער סטודענט האט געגעבן א געשריי: „שוין ווידער די נעכסטע דריי פון דער ריי!" האב איך שוין אפילו נישט ארויסגעהויבן די אויגן פונם בוך, וואס כ'האב געלייענט.

אחוץ וואס יעדער פון די דריי, יאנקל לאזער און שיפער האבן תמיד געהאט צו אייניקע ביכער אונטער די פאכוועס, האט לאזער געקענט א שפרונג־אריין געבן אין זייער וואוינונג און ברענגען א זאץ ביכער פון זיין פאטערס ביבליאטעק.

און וואס איז אלץ דא נישט געווען? דער „תעודה בישראל" און דער „אהבת ציון", דער „מסתרי פריז" און דער „עיט צבוע".

אויבן אין דער ווייבער־שול האב איך ס'ערשטע מאל געלייענט פאעזיע, די לידער פון המצעיר מנה — אלץ ארום מיר האט אויפגעהערט! די דיסקוסיעס, דאס האצקען פון דעם קונדאס, אונטן דער הויף — די רייען! אמוזירן? זיך אנשטעקן? די גאנצע מלחמה!

וואס איז מלחמה, וואס איז הונגער, וואס תאווה? דא ציט זיך א ליבשאפט, א־ה־ב־ה — קוים מיטן מענטשלעכן אטעם ארויסצואטעמען; א בענקעניש — געגועים! אז דער אטעם ווערט דערשטיקט . . . עס דרייט זיך, עס דרייט זיך אזוי קונציק איינס אין אנדערן אריין און איבער און נאכאמאל, אז עס הייבט אן צו זינגען ווי א ניגון, ווי א ליד, ווי א דריידערל, וואס שטייט שמונה־עשרה.

„לייג דאך אוועק דעם שיר־השירים", האט ער מיט פארשפיצטע ליפן געזויגן דעם אויסגעדרייכערטן מונדשטיק: „פון אזעלכע זאכן לייענט מען א צוויי־דריי און מ'האט זיי שוין אינגאנצן . . . ווידער א קראץ און אבער א קראץ, עס הערט נישט אויף".

„וואוטשע, דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט. כ'וואלט אזוי געקענט לייענען אן אויפהער".

„דאס מיין איך דאך — עס נעמט נישט קיין עק, ווייל ס'האט נישט קיין אנהויב . . . אביסל היינע, אביסל לערמאנטאוו".

„איך פארשטיי נישט דיינע נייע ווערטער, איך ווייס נאר וואס דא שטייט".

„ער האט דיך שוין משוגע געמאכט, ער מאכט זיי אלע משוגע . . . ווען ער וועט דיר ערשט נעמען דעקלאמירן זיין טשערניכאווסקי . . . מיינסט זיי



וואלטן שוין געגאנגען, נאר זיי טאנצן ארום זיין שיינע שוועסטער, טאנצן זיי ארום אים אויך".

כ'האב געשפירט, אז ס'רעדט פון אים ארויס א מין שנאה, אן אייפערזוכט; ער האט מורא, אז ער וועט מיך פארלירן. ער האט ארויפגעלייגט אויף מיר די האנט מיט א ליבשאפט, אז א ציטער איז מיר אדורך איבערן לייב . . . איז עס געווען זיין באריר, די געלייענטע לידער, די דריי פרויען אונטן, וואס גייען אהין און צוריק צו דער שטאל, איז עס שיפערס שיינע שוועסטער, וואס כ'האב זי נישט געקענט? . . . „קום, דער עולם וועט באלד קומען צו מנחה".

ווען מיר האבן זיך אדורכגעקריגן דורך דעם הויף, איז די סאלדאטן־ריי געווען נאך א גרעסערע. די בין־השמשות טונקלניש האט געציטערט פון זייער לאכן און עזותדיקע רייד — עס איז געווען פרילינג 1915.

די דריי וואכן פאר פסח, מיט יעדן טאג וואס דערנענטערט זיך צו יום־טוב איז דער פאסעק געווארן אלץ אנגעצויגענער — אויפן לעצטן לעכל! די „פאסקאזשעס" האבן געריסן פאסעס פון די מענטשן. ס'איז געווען סכנת־נפשות. יעדער האט געוואלט האבן דאס נויטיקסטע אויף פסח און דער יקרות האט געוואקסן. אויך מיט די קוילן אויף דער ראמפע איז געווען מעסערשטעך.

איך האב אנטדעקט דעם וואגן קוילן, וואס ליגט צוגעדעקט אונטערן מיאל. די מאמע דערהערנדיק דעם סוד האבן זיך אירע ליכטיק־בלויע אויגן אנגעצונדן ווי צוויי בענטש־ליכט. עס איז נישט נאר געווען דאס, וואס ס'האט זיך ממש באוויזן א נס און זי וועט קענען אריינברענגען דעם יום־טוב כאחת הבעלביתטעס. זי האט טאקע אנגעזאמלט א מאנדל אייער פון די הינער, געשטאפט א קוואקע, ס'זאל זיין אביסל יום־טובדיק שמאלץ . . . אבער גאט איינציקער, וואס מען דארף אלץ אויף דעם הייליקן פסח . . . און אריינטראגן אויפן הויף איז דא נישט נאר איין ארעמער שטוב . . . און עפעס נייס אנצוטון נאך אזא אפגעריסענעם ווינטער . . . אן איינפאל פון א יונג! דאס איז א האלטעק־איינפאל: עס האט זי דערמאנט די וועגענער בעגל, וואס דער זיידע מיט זיינע ברידער האבן געפירט איבער דער טשעלאדזשער גרענעץ, און געלאזן ליגן — אנגעשכורטע, געבונדענע די צוועלף אביעשטשיקעס.

דאס ארויסגראבן פונם מיאל די גרויסע, גלאנציקע שטיקער קוילן און זיי פריי פארקויפן האט געמיינט גאנצע סטראטעגיעס: ווי קומען איצט מיצקע דרינען אזעלכע גלאנציקע פאצינעס? פון וואו נעמען זיי זיך פלוצלינג? און ווידער צוריקגעשמועסט, אין א שעה זענען זיי צעכאפט . . . און משטיינס־געזאגט וואסער ווערט וועט האבן דאס געלט, אפילו אז אפאר רייכע בעל־הביתטעס וועלן געבן וויפל מען וועט נאר וועלן . . . יא, זיי האבן זיך דאך, מסתם, באהאלטן, אז די ארעמע געסלעך דא, די „גובערניע", זאלן האבן איינצוהייצן און אפקאכן כאטש אן ארעמען פסחדיקן בארשט.

ס'איז די וואך פון פסח. יעדע נאכט גיי איך ארויס אין סקלאד מיט צימעלעך, צעקרישל עטלעכע גלאנציקע שטיקער און מיש זיי אויס מיט א קופע מיאל, אזוי, אז צוזאם זאלן זיי אויפגיין אין א פלאקערדיקן פלאם . . .

און די גאנצע וואך איז דער סקלאד פול מיט ווייבער, מיט קינדער, מען שעפט מיט שיסלעך, מיט עמערס, מ'שיט אין זעקלעך . . . ס'איז א שפע, א זשאבן — ס'איז „ברוך ד' יום יום“. ווי א פייער פארשפרייט זיך די ידיעה, אז ס'איז דא קוילן און ביז ערב יום־טוב פארנאכט טוט זיך קאפ אויף קאפ. עס איז נישט געבליבן נישט קיין ברייזעלע פון די צעריבענע שטיקער קוילן, נאר אפילו פון דער קופע מיאל איז נישט געבליבן קיין שטויבעלע — דער סקלאד איז געווען ווי אויסגעקערט לכבוד פסח! יא, דאס שעפעלע איז געווען גאנץ און דער וואלף זאט —

מיר, נישט נאר מיר האבן אריינצוברענגען דעם יום־טוב, נאר פאר די געלייזטע גילדן אזוי איינגעקויפט, אז ס'זאל זיין צו לעבן איבערן זומער — אין שטאל הרויסן פאר דער קיך־טיר איז נישט נאר צוגעקומען א פרישע שטייג הינער, נאר א קאזע אויף א שטריק, וואס וועט זיין א רפואה פאר אסתרן און פארן טאטן. דער מאמעס „אויסטערלישע גענג“, ווי דער טאטע האט זיי גערופן, די הינער מיט די גענז, „אין א ווילדער צייט זענען זיי אפשר טאקע אויפן פלאץ“. האט דער טאטע געשמייכלט: „דער מאמעס טשעלעדזשער פאלווארק, זי קאן אים אלץ נישט פארגעסן“.

און דאס גרעסטע נס, מסתם, אין יענעם פסח איז געווען וואס אויפן טאטנס טרויעריקן פנים, נאך דעם גאנצן שווערן ווינטער, האט זיך ווידער צוריק־באוויזן זיין שמייכל אין זיין גרוילעך געווארענער בארד, די הדרת־פנימדיקייט האט נאך ליכטיקער אראפגעשטאלט פון זיין צעקנייטש געווארענעם הויכן תלמיד־חכם־שטערן.

איך בין טאקע נישט מער געווען דער זעלבער, אן אנדערער, אן אחר . . . א פורק־עול! „אן עבדא בהפקירא ניחא ליה“, ווי ס'האט זיך ביים טאטן ארויסגעכאפט, כלומרשט א הלצהלע, אבער מען האט געהערט ווי ס'הארץ טוט אים וויי —

אין די נעכט בין איך געלעגן אויף דער ראמפע, געלאפן אויף דער „ווארטע“, געשטאנען אין די רייען, קארטאפל, ברויט, קוילן. יא, איך בין שוין צייטיק געווארן, מיט מיינע אכצן־ניינצן יאר מיט די סאלדאטן אין די רייען; אין יענע רייען נאכן דערעלע — עס האט גארנישט ווייט דערפון געהאלטן! נישט איינמאל געשוועבט מיר פאר די אויגן, אין חלום עס געזען . . .

איך בין מער נישט געווען דער זעלבער, אבער אריינקומענדיק אין שטיבל — טאקע נישט מער אזוי אפט ווי פריער! — בין איך געווען א חסידישער בחור, מיט שאקל, מיטן ברען; געשמועסט אין לערנען, געזאגט פשט אין א מהרש"א. ס'איז אבסאלוט נישט געווען געמאכט. כ'האב דערפילט די אטמאספערע, זי האט געשוועבט אין דער לופט, כ'האב מיך געטובלט אין איר: ווי אין א ווארעמער מקוה ערב שבת: א, א מחיה, ס'צעגייט זיך אין די ביינער.

שבת איז געווען כולו צום טאטן! האט ער מיך צוגערופן צו דער גמרא, צום „מנחת חנוך“, צום „תורת חסד“, האב איך מיטגעהאלטן מיטן זעלבן ברען — פארקערט, כ'האב מיך נאך געפלייסט נאך פריער עס אויפצוכאפן. שבת איז געווען שבת! די אטלאסענע קאפאטע, דער סאמעטענער הוט,



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

און נישט נאר די צעלאזענע, גראבע פאות, נאר ס'האט שוין אנגעהויבן שפראצן א סימן בערדל.

מיטן „הודו לד' כי טוב“ פרייטאג פארנאכט אין שטיבל, ווי וועלדער וואלטן זיך צערוישט, ווי די וועלט וואלט זיך צעשאקלט; מיטן „בגונא דאינון מתיחדן לעילא“, ווי אין שטילער ניגון וואלט אלע הערצער ארומגעגארטלט, ארומגעוויקלט און דעם אטעם צוריקגעהאלטן, האט אלץ וואכעדיקע זיך אפגעטון, אפגעווישט—א מחיצה געווארן בין קודש לחול . . .

א ווינטערדיקער פרייטאג־צו־נאכט, מיר גייען פון שטיבל. מיר קומען צום טויער פון סקלאד, שטייט א וואגן קוילן. דער גוטער דאווידזאן האט אונז אין זינען געהאט . . . איבערן גליטשיקן, אייז־גלאטן וועג האבן די שלעכטגעקאוועטע פערד געמאכט א שטיך אין שבת. דער פארמאן א געפרויערענער, די ביצעסקע אונטער דער פאכווע, שפרינגט אראפ פון וואגן: „פאן דאווידזאן, דער שפיליטער, האט“ — —

קוים אין רגע האט עס געדויערט. דעם טאטנס דערשראקענער בליק „בידך אפקיד רוחי“. יא, דער בליק איז געווען צו גאט: די גאנצע שוואכקייט זיינע, די אויסגעמענצעטקייט האט פון אים ארויסגעקוקט, אבער אויך צו מיר בעטנדיק: איך האב דאך אין די זאכן קיין שום דעה שוין נישט . . . ס'וועט זיין א חלול השם פון אלע געסלעך דא, נישט נאר א חלול־שבת — „הכול חולים אצל צינא“, האב איך געוואלט זאגן דעם טאטן און אריינרופן דעם פארמאן אים געבן א טרונק בראנפן מיט א שטיק פיש, ער זאל זיך קודם דערווארעמען און אים געבן די שליסלען און ער אויף זיין פאראנטווארטלעכקייט זאל אלץ דערלידיקן — ס'איז מלחמה! כ'בין אבער צוגעגאנגען צום פארמאן און אים אין ביזן טאן געזאגט: „ניע מאזשיע, סאבאטא“. כ'האב אפילו קיין בליק נישט צוגעווארפן פון בייזקייט. אבער אויך דעם טאטנס בליק האב איך נישט געזען. אין דער פינסטער איבער גליטשיקן הויף האב איך געשפירט דעם טאטנס האנט ווי ער האלט מיינע.

אזוי, מסתם, האבן זיך געפירט אברהם אבינו מיט זיין זון יצחק, ווען זיי האבן ביגעשטאנען דאס געראנגל פון ערשטן נסיון.

מיטן בלוט פון קליינעם פינגער קאן מען פארקויפן די נשמה צום שטן, אבער נישט די נשמה יתירה! כ'האב שוין געהאט פארגעסן דעם ניגון פון דער גמרא, אבער נישט דעם תפארת־שלמה עס ניגון פון „אשת חיל“.

כדי צו שפארן ליכט, הייצונג, האבן מיר געלעבט אין דער קיך. די זילבערנע שבת־לייכטער, דער שבת־קודשדיק־געדעקטער טיש — אין דער קיך. נאכן „גוט שבת!“ האט דער טאטע אנגעהויבן צו זאגן „שלום עליכם“ — נאר מלאכים טאקע האבן אונז דעמלט באגלייט אין שטוב אריין! אזוי האבן מיר ביידע אויסגעזען. נישט מפסיק צו זיין, האבן מיר גארנישט דערציילט.

ווען דער טאטע האט זיך געדרייט ארויף און אראפ, זינגענדיק מיט כוונה דעם ראדאמסקער „אשת חיל“, בין איך געשטאנען איבערן אויוון, איבער די פייערקעס און מיט פארקוועטשטע אויגן, נישט קיין דא־איקער, ערגעץ ווייט, א פארשוואונדענער און פארטיפט, געצויגן דעם ניגון. און געווען זיכער, אז

אין דער צווייטער דירה — די ביידע קיכן גייען דאך דורך איין קוימען! — הערט זיך ווער צו צו מיין זינגען. כ'האב שוין געוואוסט ווי זי הייסט, „שאשע“.

קיינער האט נישט געוואוסט וואס אין מיר איז פארגעגאנגען זייט דעמלט, ווען זי האט מיך אנגענומען ביי דער האנט און דורכן קארידאר ארויפגעפירט אויפן בוידעם ארויף. אבער נאר ווי כ'האב מיך עס דערמאנט, האט ציטערדיקייט, א ווארעמקייט אדורכגעריזלט איבער מיין לייב ביז אין די שפיץ פינגער: „כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון“. קיינער האט נישט געוואוסט, אבער זי האט עס געוואוסט.

זי איז געווען אזא צארטע, א שלאנקע, דעם קאפ אביסל איינגעצויגן, ווי זי וואלט אים אנגעלענט אויף וועם, זיך צוגעטוליעט, א קרענקלעכע־פארבענקטע: „סמוטנא מי, מאי באזשע“ . . . ווען זי האט מיך געזען איצט אין ווינטער, א ווינט־צעצוויקטן, א צעקאכטן מיט די קוילן־וועגענער, מיט די פארמאנעס, איז ווי זי וואלט זיך געכאפט, אז זי קוקט אויף מיר און שנעל אראפגעלאזט די אויגן, גיך אוועק פון פענסטער. די גארדינען האבן זיך אראפגעלאזן און ס'האבן זיך געהערט די שטילע איינטאניקע, אויפציטערנדיקע קלאוויר־קלאנגען.

א גאנצע וואך, ווען כ'האב מיך נאר גוט צוגעהערט, האב איך געהערט דאס שטילע, טרויעריק־פארבענקטע קלאוויר שפילן. אין די פרייטאג־צו־נאכטסן איז עס שטיל געווען. זי איז, מסתם, געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם ראדאמסקער „אשת חיל“ — דער גאנצער שיר־השירים האט פון אים ארויסגעזונגען, די זאמקעוויצער וואלד מיט אלע זיינע פייגל און שאקלענדיקע ביימער, דאס יונגע הארץ מיינס, א פארבענקטס, א צעריסנס.

ווי איך, דא איז זי טיר־צו־טיר, אין דער צווייטער קיך, ביי די פייערקעס, מסתם, געשטאנען און זיך צו געהערט: „ידיה שלחה בכישור וכפיה תמכו פלך“.

כ'האב דאך געהאט נסים אין מיין יוגנט, אז אין דער ברוטאלקייט, אין דער וואכעדיקייט פון גראבן לעבן פון הפקרת און שמוץ, האט דאך איבער מיר געשוועבט אזא שיצנדיקע גייסטיקייט, א פארחלומטע אומבאוואוסטקייט. כ'הער נאך נישט דעם ריטם פון מיין אייגענעם בלוט, אבער די טענער, פון וועלכע מיין ליד זאל זיך זיווגן מיט ווערטער, האב איך נאך נישט געהאט אלע פארלוירן, זיי האבן זיך געקניפט און געריסן, געקניפט און געריסן . . .

* * *

שביעי של פסח איז אנגעקומען די ידיעה, אז פרץ איז פלוצלינג געשטארבן פון א הארץ־שלאק! עס האט זיך אדורכגעבראכן דורך די מלחמה־פראנטן, ווי א בליץ־שרעק. וואו מ'איז געשטאנען, וואו מ'איז געגאנגען האט זיך ארויסגעריסן דאס ווארט פרץ. אין די גאסן, אין די שטיבלעך — די שטאט האט ווי אויפגעציטערט! ער איז דאך ממש א היגער אן אייגענער . . . עס האט געהייסן אז „דאס קראנקע ייִנגל“ האט דער גרויסער קלאסיקער געשריבן אין טשענסטאכאוו; אז „ביינאכט אויפן אלטן מארק“ — פארטראכט אין טשענסטאכאוו. ער איז דא געווען אן אפטער גאסט מיט זיינע פארלעזונגען און לעקציעס. אויף יעדער ליטעראַרישער שמחה דער ערנגאסט.



איך האב דעמלט פון פרצן כמעט נאך גארנישט געקענט! די שטיקער פון „מאניש“ וואס וואוטשע פלעגט מיר דעקלאמירן און אין העברעאישער כרעסטאמאטיע געלייענט „אויב נישט נאך העכער“. ביי וועוטשען מוז זיין סכנות־נפשות, חושך! כ'מוז אים אויפזוכן. מ'איז דעמלט געזעסן אין שטיבל ביי מעד און ניס.

כ'האב געוואוסט אין וועלכן טויער ער וואוינט און אז אויפן הויף איז דאס קאצקער שטיבל. ס'איז דאך שביעי של פסח, זיצט מען, מסתם, דארט אויך ביי מעד און ניס.

כ'האב אים באלד דערזען ביי אן עק טיש אין זיידן קאפאטקעלע, אין סאמעטן היטעלע, ווי א יתום האט ער אויסגעזען. איך האב לאנג געקוקט אויף זיין שטארן בליק ביז ער האט מיך דערזען. ער איז צוגעלאפן צו מיר און מיך ארויסגעפירט:

„הערסט ווי זיי זינגען? ,בן יאבדו' ווינטשן זיי זיך . . . ניין, עס טאר אזוי ווייטער נישט זיין. נאך היינט אנטלויף איך . . . זעסט“, ער האט זיך אנגעכאפט ביי ביידע לאצן, „איינס פאר פרצן און איינס פאר זיי“.

מיר זענען ארויסגעגאנגען אויף די וואלעס. ארום דער דייטשער שול איז געווען פול מיט יוגנט — עס איז כמעט נישט געווען קיין שום פאריין, וואו זיי זאלן זיך זאמלען — מיטן דייטשס אריינקומען זענען זיי געווען געשלאסן, פארווארלאזט, „די לירע“, „דער הזמיר“, און אסך פון די אנגעזעענע מתפללים דארט זענען אויך געווען פרץ־פארערער. מ'האט גערעדט, גערוישט, צוגעבויגן קעפ, קרענצלעך האבן זיך געזאמלט — ווי די גרויסע פרץ־נשמה וואלט געשוועבט איבער זייערע קעפ, דער פסח הימל, דער פרילינג בין השמשות איז געווען אזוי טרויעריק יום־טובדיק.

וואוטשע איז ארויס פון איין קרענצל און אריין אין א צווייטן, דאס סאמעט־היטעלע האט ער שוין געהאלטן אין דער האנט, אויפן קאפ א פארקעמטע געקרײַבאלדע . . .

עס האט זיך באוויזן שיפער מיט יאנקלען. זיי זענען ארויסגעקומען פון דער אגראדאווער גאס. שיפער רויט־צעהיצט, און דער לאמער סטודענט האצקעט נעבן א וואונדערלעך־שיין מיידל.

שיפער איז צו מיר צוגעקומען און אנגעהויבן ריידן גרויסע ווערטער, מתחלת אין העברעאיש און באלד איבערגעגאנגען אויף יידיש, גערעדט, גערעדט און זיך געקאכט, נאך רויטער געווארן, ווי די האר פון אונטער זיין פארשארצטן היטל; יא, ווי ער וואלט אינגאנצן קיין האר נישט געהאט, נאר אזא אויסטערלישן הויכן גלאצע שטערן — כ'האב געגלאצט אויף אים!

נישט איך האב פארשטאנען וואס ער זאגט און נישט געוואוסט די בעמען, וואס ער האט דערמאנט. כ'האב געשוויגן און אויף אים געגלאצט מיט אפאר אויפגעריסענע, פארגאפטע אויגן.

„כ'פארשטיי, דער גאון פון דער העברעאיש־יידישער ליטעראטור, אין אזא צייט איז ישב בדד וידום“.

„וואס האקט ער אים דארט א קאפ, דיין בראטשיק . . . געכאפט א

קאטשעלאפ! כ׳ווייס נישט וואס זיי זעען אין אים . . . זיך צוגעטשעפעט אן אנשיקעניש״.

דאס שיינע מיידל האט נאך וואונדערלעכער אויסגעזעען ווען זי האט אים געפאטשט דעם „קונדאס״, דעם הינקענדיקן סטודענט איבער די ליפן.

„ווילט איר אפשר קענען לערנען מיין שוועסטער?״ האט שיפער מיך אנגענומען אונטערן ארעם און געוואלט צופירן צו דעם וואונדערלעך־שיינעם מיידל: „זעסט, זיינע אויגן, ווילסט זעען א פאעט?״ האט ער גערעדט צו דער שוועסטער.

„ניין, איך מוז שוין גיין!״ און מיך געלאזט א טרויעריקן איבער דער יום־טובדיק צערוישטער, בין־השמשותדיקער גאס. פון אלע זייטן האט גערוישט דער נאמען פרץ, פרץ — עס איז געווען ווי זיין גרויסע נשמה וואלט געשוועבט, וואלט ליכטיק גערוישט איבער דער סמוטנער בין־השמשות גאס. איך האב מיך געלאזט מיטן נאנטסטן געסל אין שטיבל אריין — אין געסל איז געווען טונקל, מרה־שחורהדיק, אבלותדיק . . . אין שטיבל איז דער עולם נאך געזעסן ביי מעד און ביס און געזונגע בחברותא. ראובן האט אויסגעגאסן דאס פאס וואסער און ארום דעם פלעטש האט דער עולם גענומען טאנצן און ציען א ניגון, ביז שפעט אין דער נאכט אריין . . . איך האב מיך געטוליעט ווי א שאטן אין א ווינקל, און אין קאפ האט מיר געפיקט עפעס א ווארט, נאך א ווארט צום ריטם פונם טאנצדיקן דבקות־טאנץ, צום געזאנג פונם זמר . . .

יא, עס האט נאך גענומען איבער א יאר ביז איך האב מיין ערשט ליד געשריבן, אבער וועוויטשע האט אין יענעם חודש מאי אנגעשריבן זיין ערשטע דערציילונג. זי איז געווען אין פרצס חסידישן נוסח. די מעשה האט געהייסן „דער ינוקה״. ער האט זי מיר איניקע מאל פארגעלייענט, איידער ער האט זי אוועקגעשיקט צום דרוקן.

זיין דערציילונג איז געדרוקט געווארן, און וואוויטשע האט זיך אנגעהויבן צו פירן מעשה ליטעראט. אנגעטון א קאלנער מיט א שניפס, און אז דער הינקעדיקער סטודענט האט שפאצירט מיט שיפערס שוועסטער, האט זיך וועוויטשע תמיד געפונען ביי איר לינקער זייט, און איר שיינער קאפ מיט די פארשמיצט־שמייכלדיקע ליפן האט געקוקט אויף זיין פארשפיצט מויל, ווי זיי וואלטן גענאשט עפעס זיס און זיך צוגעהערט צו זיינע געצויגענע ווערטער.

אין יענעם יאר איז וועוויטשעס פאטער, דער זשערדעוווער שוחט, געשטארבן. ער איז געווען א גרויסער, א ברייטער, מיט א צעשריגן קול, א כעסן. די מוטער איז געווען א קליינע, א פארדארטע, א פארביטערטע, מיט א זשוואווע פנים פול מיט קנייטשן — מיט א פארצויגן שטילמויל א שארף פארשפיצטס, מיט צעשריגענע אויפגעריסענע אויגן. די קינדער זענען געווען איינס קליגער פונם צווייטן. איינס שענער פון אנדערן. אבער קיין נחת פון קיין איינס נישט געהאט.

אברהם האט עס געהייסן וואקסט אויס א גאון; אין אמסטעוו, אין טשאָכאַטשעוו, אין טשענסטאכאוו האט מען אים גערופן דער טשענסטאכאווער עילוי. אין 1905 האט ער דאס גאנצע בית־מדרש ארויסגעפירט אין מארש,



אין איין האנט דעם רעוואלווער, אין דער צווייטער די רויטע פאן. עס האט לאנג געדויערט ביז די בית־מדרש טישן זענען צוריק באזעצט געווארן מיט בחורים.

זיין „חייקלס שכור״, זיין „גאסן־מיידל״, האט מען געלייענט אויף אלע רעוואלוציאנערע פארזאמלונגען — ביידע זאכן האב עזותדיק גערייצט!

מען האט דערציילט דעם פאטער וואו ער קאן אים טרעפן. ער זיצט אין דער צווייטער אלייע אויף א באנק און לייענט א בוך. ער איז אהינגעגאנגען: „אברהם, פארוואס קומסטו נישט אהיים?״

„ר׳ ייד, ווער זייט איר? איך קען אייך נישט״. האט ער דעם פאטער ביז אנגעקוקט דורך אפאר שווארצע ברילן, און די קינסטלער־גושיבע איז זיך אים פאר כעס צעפלויגן.

„אברהם, ביסט משוגע געווארן?״

„ר׳ ייד, איר טראגט אייך אפ? אויב נישט, רוף איך א סטראזשניק!״

„אברהם, כ׳וועל דיר אהער מיר א מעשה אנטון״.

„איך פייף אויף אייער חלף. איך טראג א רעוואלווער אין טאש״. דער גרויסער, ברייטער, שטארקער ייד, דער שוחט פון גסות, דער כעסן האט זיך שטיל „אפגעטראגן״ . . .

אין טשענסטאכאוו האבן זיך ארומגעטראגן נישט נאר לעגענדעס איבער דעם זשערדעוווער שוחטס קינדער, נאר אויף אים אליין! וועוויטשען, איז געווען זיין לעצטע האפנונג.

דער קאלנער מיטן שניפס איז אים אויך נישט אזוי לייכט אנגעקומען. וועוויטשע האט געוואוסט, אז ס׳וועט זיין א קאמף און ער האט זיך פארבערייט דערצו. א טוץ קעלנער האט ער געהאט ביי זיך ווען ער האט זיך געזעצט ביים טיש אנגעטון אין א קאלנער. דער פאטער האט אים אראפגעריסן, האט ער אנגעטון א צווייטן. עס האט שוין געהאלטן ביים צענטן. דער פאטער איז ווילד געווארן פאר כעס. ער שפרינגט אויף: „איך וועל כאפן דעם חלף צו אים!״ די מוטער פאלט אין חלשות און וועוויטשע זיצט זיך געמיטלעך ביים טיש און טוט אן דעם עלפטן פאפירענעם קאלנער.

ווען דער פאטער איז געשטארבן, איז וועוויטשע געקומען צולויפן צו מיר אין איין שרעק: „אברהם נחום, כ׳האב מורא. קום מיט מיר!״ כ׳בין מיט אים געווען צוזאם די גאנצע שבעה, די ערשטע נעכט מיט אים געשלאפן. יענע טעג האבן אונז ממש פיזיש פארברודערט.

אין יענע טעג האט ער מיר אסך פארגעלייענט. מאריס ראזענפעלדן האט ער מיר ממש אריינגעלייגט אין מויל אריין. ווען ער האט מיר געלייענט דעם „לייב״, האט איך מיטגעציטערט מיט יעדן ווארט — עלעקטריזירט! מיט יעדן ליד פון אברהם רייזין האב איך געפילט, אז איך גרייט מיך צו עפעס . . . ער רעדט דאך מיר ווי פון הארצן ארויס . . .

דוד ריכטער, שוין גאנץ דייטש אנגעטון, איז ארויפגעקומען מנחם־אבל זיין. מיר זענען אריינגעגאנגען אין קאצקער שטיבל אריין. וואוטשע אין די זאקן. גערעדט, דיסקוטירט: רעליגיעזע, זאבאבאנעס, טויט, לעבן, סאציאליזם,

ציוניזם. דוד איז שוין דעמלט געווען אפיציעל א מיטגליד אין דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי, וועמעס האט זיך געדרייט מיט בונדישע חברים און געזעסן גאנצע טעג ביים זייגערמאכער דעם פועלי־ציוניסט. דוד האט געקענט געברויכן, אזעלכע ווערטער, אז איך בין אויך געווען א באטייליקטער אין דער „דיסקוסיע", ס'איז געווארן א שמועס, א שיחת־חולין, א שקלא־וטריא.

מ'איז געקומען אויף פרצן! דוד האט פארגעלייענט פון א זשורנאל, וועלכן ער האט געהאט ביי זיך, „רבי חנינא בן דוסא", „מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע". איך האב געקוקט פארגאפט, און אנגעצונדענער. כ'בין נשתנה־צורה געווארן — דוד האט מיר שנעל צוגעווארפן זיין ליבלעכן בליק! — איך האב געטראכט: איז עס נישט א פסוק אין תהלים, א מעשה פון דער גמרא? און אין מיין קאפ האבן זיך אנגעהויבן דרייען טויזנט און איין ליד — א שווינדל־ראד און איך אין דער מיט: חלומות, דמיונות, אלט־געבאקענע מחש־בות, קוים־געצייטיקטע און שוין פארקריפלטע געפילן — א תוהו ובוהו, א בליצן פון ווערטער!

* * *

דעמלט אין טשעלאדזש האט דער טאטע מיר אויפגעשריבן אויף א גרויסן בויגן פאפיר די יידישע אותיות און איך האב זיי אפאר מאל איבער־געשריבן; די געדרוקטע שטייען דאך אין סידור, אין חומש! דאס איז געווען די גאנצע שולבילדונג און כ'בין נישט געבליבן קיין אנאלפאבעט.

אצינד הונגער, קרענק, שרעק, נויט, עפידעמיעס, הפקרות, די מלחמה־יארן 1915־16, און אין מיר — געראנגל אויף טויט און אויף לעבן! איין שריט און דער תהום שטייט אפן פאר די פיס. אבער אין מיין מוח צינדט זיך בסדר . . . פארפיר ליכטלעך? רעטונג־סיגנאלן? אין עפעס מוז מען זיך דאך קלאמערן, אנהאלטן. עפעס מוז מען דאך דעם צעפאפרענעם מוח מאכן ארבעטן, דאס ווילדע הארץ — האמעווען, פול מאכן, גאנץ מאכן, באשווערן.

דער סידור, דער תהלים, דאס חומש, די גמרא, איז עס נישט מער געווען, איז עס געווארן די יידישע ליטעראטור.

(צווייטער טייל פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער)

## ל י ד

(טריפטיך)

1

א פינסטערער ברונים,
א ליכטיקער קוואל;
פון הויכן פעלדזן־בארג,
ברויזט א וואסער־פאל.

קיינמאל נישט, קיינמאל נישט,
שעפן זיי זיך אויס;

ווערט פארשטאפט, פארשיט דא
רייסט דארט זיך ארויס.

אין די פינסטערנישטן,
עס בויערט, עס שרויפט;
און איינציקער טראפן
און — א טייכל לויפט.



עס שלענגלט זיך, ס'דרייט זיך,
טיפער ס'ווערט און גרויס;
יעדעס שטרויכל־שטיינדל —
געזאנג און אויפברויז.

נאר שטייענדיק וואסער,
אויסגעטרוקנט ווערט,

און פון בלאטיקן זומפ,
רק קוואקען מען הערט.

און פליט שוועלבל פארביי,
פונם געשטאנק בלויז,
דערשטיקט קול אין קעלכל,
און דאס ליד איז אויס.

2

נישט דאס שוועלבל איז עס —
דער בלויער הימל!
נישט די זשאבע — דער זומפ,
דער גרינער שימל.

פאלט מען אריין אין אים,
בלאטע פארזונקן,
פארלאשן ווערט אין הארץ,
דער לעצטער פונקן.

אונטער הימלען אבער,
וואקסן אויס פליגל.
שטראלן, גאלד־געוועבטע
געשוועב־געוויגל.

עפנט זיך ווי א ווונד,
דער גרינער שימל,
און א קאפ הייבט זיך אויף,
צום בלויען הימל.

„קווא־קווא", דער טיפער צער
אין זשאבע אויגן:
„איז שוין ווער אין הימל,
מיט ליד דערפלויגן?

„און צו ברויך מען פליגל,
תהום צו דערגרינטן?
אונזער געזאנג דעמלט —
די שטורעם־ווינטן".

3

אין נעסטל א שוועלבל,
אויפשרעקט זיך אויפוועקט;
פון זומפ ארויס זשאבע,
קעפל ארויסשטרעקט —

וואס גייט פאר, וואס טוט זיך,
דאס בלוט ווערט פארקילט — —
וויל דעם, אשרי האיש,
ס'געזאנג כאטש דערפילט.

וונדערלעך, געוואלטיק,
ווי גליאיק, ווי גרויס!
קוילערט עס זיך אראפ?
ס'קייקלט זיך ארויס?

דערשראקענער ארום,
קאלירן צעשפילט — —
וויל דעם, אשרי האיש,
ס'געזאנג כאטש דערפילט.

איז עס אויפגיי, פארגיי?
וואסער אונטערשיד?!
זונען־אויפגאנג געזאנג,
בין־השמשות ליד?

ווער ס'זינגט ווען זון גייט אויף,
ווער — ווען זי פארגייט — —
וויל דעם, אשרי האיש,
ווער ס'געזאנג פארשטייט.

## די זשאבע באלאדע

א טרער קייקלט איבער
פנים פארטראכטן,
די באבע דערציילט שטיל,
אין די פארנאכטן:

„פארשאלטענע נשמות,
סמוטנעדיק וויינען,
אין די מונטע זומפן,
די זשאבעס זיינען.

„און ס'איז דער טיפער זומפּ,
איר מעגט עס הערן,
פעלזן־בערג, צעווייקטע,
פון זייערע טרערן.

„מלאכים געווען,
שירה געזונגען;
ווי האט זייער געזאנג,
געטלעך געקלונגען.

„אלע צוזאם אזוי,
איין זיסער ניגון!
האבן זיי גענומען,
זיך ארמקריגן —

„ווען קול ס'איז שענער!
האט זיך געשפאלטן,

דער הימל, גאטס קללה,
האט זיי פארשאלטן.

„אויסגעגאסן האט זיך,
אויף זיי גאטס צארן,
און ס'איז פון מלאכים,
זשאבעס געווארן —

„קווא־קווא־קווא, קלאגן זיי — -
פון זייער וויינען,
לעשן זיך אויס די זונ'ס
שקיע־שעה שיינען".

טרערן קייקלען איבער,
פנים פארטראכטן,
די באבע דערציילט,
אין די פארנאכטן.

## לעצטער שטריך

אלע צו פארלירן,
אליין דערשלעפן;
אזא לאגל טרויער,
ווער קאן דערשעפן.

ווערט דאס הארץ דעמלט ברעג,
אליין דער אינזל;
ארומגערינגלטער,
א בלוט גערינזל.

גוססדיק, צאפלדיק,
א ברויזיק קלאפן;
שוימיק שוין אויסצוגיין,
מיט לעצטע טראפן.

איינגעטונקען אין זיי —
אין פארב א פינזל!
געוויאסלט, געשוווּמען,
ס'זאמדיקט אן אינזל.

ווי טיף ס'זינקען די טריט,
און ס'בלייבט קיין איינער;
אפשר וועלן שליאדעס,
בלייבן די ביינער.

יא, עס וועט אויך ליגן,
טרוקענער פינזל,
און איבער אים די זון,
שפריץ פון גערינזל.

שוין זעט זיך פון געמעל,
די שטריכן, פלאכן;
א, ווי וואלט זיך געוואלט,
עס פערטיק מאכן —

מיט לעצטן טראפן נאך,
פון הארץ גערינזל!
און נישט האבן אומזיסט,
דערגרייכט דעם אינזל.

די שטרויכלונגען אין גאנג,
שרעקלעך די שטרעקן,
און איצט נאך אינמיטן,
בלייבן גאר שטעקן.

— אז וואס פאר א געמעל,
און וואסער אינזל,
אז גאנצע ערד קוים איין,
שטריך פון א פינזל?



— נישט וויסן כ'וויל וואס איז,
כ'ווייס נאר וואס געזען!
אז שוין ס'בילד דערפון בלויז,
ווי שיין ס'וואלט געווען.

און ווען שטויבעלע דא,
כ'וועל זיין פון אינזל,
א טראפעלע אין דעם,
ברויזיק גערינזל,

עס וועט די זון בייטאג,
ביינאכט די שטערן,
שטיינבלייבן געבויגן,
שטיל זיך צו הערן:

„נאר איין שטריכעלע בלויז,
א ריר מיט פינזל" —
כאטש נישט בחנם דאך,
דערגרייכט דעם אינזל.

עלען ווינאגראד

## ירחמיאל בריקס

### דער מענטש און שרייבער

(א סילועט, אין דער סעריע „שטערן אויף מיין וועג")

צו שרייבן וועגן ירחמיאל ברוקס איז נישט שווער. טראץ דעם וואס ער איז נישט (ווי מען זאגט אויף ענגליש) קיין שטארקע פערסאנאליטי, דאך בלייבט אייך דער איינדרוק פון אים אין זכרון. א מילדער אינגערמאן אין די יונגע מיטעלע יארן, מיט א קלוגן, רואיקן בליק פון א מענטשן, וואס האט אסך אדורכגעלעבט, איז ער מוחל די וועלט פאר דעם וואס זי איז נישט פערפעקט.

ירחמיאל ברוקס איז געבוירן געווארן אין לאדזש, אין דער צייט צווישןביידע מלחמות. די לאדזשער סביבה האט אויף אים ארויפגעלייגט דעם סטעמפל. די יוגנט אין לאדזש איז נישט געווען גלייך צו קיין שום אנדערע יוגנט. ערנסט און באוואוסטזיניק, מיט א ליבשאפט פאר טעאטער און ליטעראטור, פול מיט נייע געדאנקען און פארשריט. ירחמיאל ברוקס האט שוין דאמאלס געשריבן און געהאט זיינע אייגן אפן. ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן און די דייטשן האבן אקופירט לאדזש, איז ער ווי אזוי פיל אנדערע פארהאפט געווארן אין דער געפערלעכער געט. עס האט זיך אנגעהויבן די געטא. ער איז געווען אין גיהנום. ער האט אדורכגעלעבט די שרעקלעכע צייטן; דעפארטירט געווארן, געווען אין „די טויט־לאגערן, אדורכגעגאנגען „סעלעקציעס", און „פון דעם ברענענדיקן אויוון לעבעדיק ארויס".

נאך דער מלחמה, נאך דער באפרייאונג, איז ער געווען אין שוועדן, קראנק און צעבראכן. דארט האט ער חתונה געהאט. היינט געפינט ער זיך אין אמעריקא, אין ניו־יארק. איך האב זיך מיט אים באקענט ביי א ליטעראַרישן צוזאמענקונפט, און מיר זיינען געווארן באפריינדעט. ער פלעגט אפטמאל אריינקומען צו אונז אין שטוב. מיר פלעגן האבן אינטערעסאנטע געשפרעכן און ער פלעגט פארלייענען פון זיין בוך „דער קייסער אין געטא". עס איז שוין א שיינע פאר יאר נאך דער מלחמה און דאס לעבן גייט אן נארמאל, אבער ירחמיאל ברוקס לעבט נאך אלץ אין די צייטן פון זיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען. פארהאן מענטשן, וואס קענען אראפווארפן פון זיך פאסירונגען, וואס לעבן און פארברענגען אזוי ווי קיינמאל גארנישט, אבער נישט ירחמיאל ברוקס.

די שרעקלעכע טראגעדיע ליגט אים נאך אלץ אין זיינע אויגן, און אין זיין גאנצע באציאונג צום לעבן, ווי ער וואלט געמיינט, אז דאס יעצטיקע לעבן איז בלויז א חלום און נישט קיין ווירקלעכקייט.

ער רעדט כסדר פון די שרעקלעכע צייטן.

נאך דער מלחמה האט ער ארויסגעגעבן צוויי ביכער: „די קאץ אין געטא“ און „דער קייסער אין געטא“. „די קאץ אין געטא“ איז א קליין מייסטערווערק פון טראגישן הומאר. „דער קייסער אין געטא“ איז א גרעסערע ארבעט. דארט אילוסטרירט ער מיט א ברוטאלער קראפט דאס יידישע לעבן אין געטא אן פארשענערונגען, אן העלדישקייט, דעם טאג־טעגלעכן קאמף צו בלייבן לעבן, צו דערלעבן די באפרייאונג. עס איז גרינג פאר מענטשן, וואס האבן נישט געטראגן דעם טויטלעכן יאך, צו רעדן פון העלדישקייט. ירחמיאל ברוקס צעשטערט די שיינע אילוזיעס. ער זאגט און דערציילט אזוי ווי ער האט עס געזען, אזוי ווי ער האט עס איבערגעלעבט. אסך מענטשן פילן זיך באליידיקט מיט זיין באשרייבונג. די ברוטאלע רעאליטעט מאכט זיי שלעכט פילן. אבער ירחמיאל ברוקס האט צו מיר געזאגט: עס איז פארהאן זאכן, וואס מען טאר נישט פארשענערן, באפוצן און באשיינען. מענטשן, וואס זיינען כסדר געיאגט און געפלאגט, פארכאפט אין א הילפלאזיקע נעץ פון הונגער און געפאר, ליגט נישט אין זיינען קיין אידעאלן. איך וויל דא זאגן דעם אמת; איך גיי דא נישט ארויסגעבן קיין משפט — גערעכט אבער אומגערעכט. עס איז נישט מיין אויפגאבע“.

איך האב דאס בוך געלייענט. ער האט עס אונז געשאנקען מיט א שמייכל און א העדיקאציע. איך האב דארט געפונען אסך וואונדערבארן, טראגישן הומאר. איניקע קאפיטלען דערגרייכן גרויסקייט („די שאנק אין געטא“), און פיל אויסערגעוויינלעכע אינטערעסאנטע טיפן און סיטואציעס. פארשידענע זאכן האבן מיך רעוואלטירט.

ירחמיאל ברוקס פירט איצטער א גליקלעך פאמיליען־לעבן מיט זיין פרוי און צוויי געראטענע טעכטער.

דער שטורמישער ים פון טראגעדיע האט זיך בארואיקט. דאס וואסער פליסט שטיל אין א טאג־טעגלעכן לעבן. דער לאדזשער איידעלער איינגערמאן האט דעם טראגישן גורל פון די לאדזשער יידן אויף אייביק אויסגעדריקט אין זיינע ביכער.

---

## יידיש - ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד בארא זעטלמענט — שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 27׳סטן יוני — שבעה־עשר פראגראם בתמוז.

שבת, דעם 4׳טן יולי — 0 יארצייט פון דר. הערצל 30׳סטן — ח. נ. ביאליק.

יוסף פרענקל: הערצל און זשאבאטינסקי. ח. נ. בענקוויטש: ביאליק.

שבת, דעם 11׳טן — די 7׳טע יארצייט פון שלום אש. עס באטייליקן זיך:

י. ביעטש, נ. מ. סידא, רובין א.א.

שבת, דעם 18׳טן — דאס טראדיציאנעלע תשעה פראגראם.

שבת, דעם 26׳סטן — לכבוד שבת נחמה. לידער וועלט זינגען מאיר באגדאנסקי.

## לכבוד דעם יידישן טעאטער פון פוילן

וואונדערלעך ווי א ישוב פון 25,000 יידן, גייט אן מיט א קולטור־טעטיקייט, פרוכפער־דיק און שפעדיק: א גוט־רעדאקטירטע און קאַרעקט־ירטע צייטונג, אויף שבת און יום־טוב אביילאגע; א ליטעראַרישע חודש זשורנאל; א ביכער פערלאג פון הונדערטער אויס־גאבעס און טויזנטער לייענער; טאג־שולן און דראם־קרייזן.

עס איז נישט נאר, וואס די פוילישע רעגירונג אונטערשטיצט די ארבעט מיט א ברייטער האנט, — געלד איז נאך נישט אלץ! — עס איז „נצר מטעי מעשי ידי להתפאר“; אין טויזנט יאריקן לאנד פון יידישער שעפערישקייט, אויפן באדן ווו דער בוים איז פער־פלאנצט געווארן און אזוי שעפעריש אויפגעגאנגען; אויף דער דאזיקער בלוט־אנגעזאפטער ערד, ווו אט דער עץ־החיים איז אזוי ברוטאל אונטערגעהאקט געווארן און מיט אלע זיינע צווייגן פארשניטן געוואַרן, איז אבער איבערגעבליבן דער פניאק — עס דויערט דורות ביז אזא פארוואָרצלטער דעמב ווערט אויסגעקארניעוועט.

יא, ווו עס איז געווען א בוים בלייבן ווארצלען פון זיין שטאם! און וואס זיינען די יידיש־שעפערישע ישובים איצט אין דער וועלט, אויב נישט דער עכא פון אט דער טויזנט־יאַריקער גייסטיקייט? מיט אונזער לאזן הערן פון זיך, זיינען מיר די עדות, אז ס׳איז געווען א „קול העם כקול שדי“.

און נישט נאר אן עכא אין דער לופט! צעפלויגענע פייגל פון דער צעשטערטער גניאזדע בויען זיך נייע נעסטער אויף, וואוהין נאר זיי קומען! אבער דער ווונדער, ארום דעם זשיוויעצע־פניאק שיסן נייע צווייגלעך אויף און קריינען אים ארום מיט זאפטיקע צווייגן.

און די קרוין אויף אלע די קונסט־און קולטור־טעטיקייטן אינם נייעם פוילן, איז דאס יידישע טעאטער: א גוט־געשולטער טאלאנט־ירטער אנסאמבל אין א ישוב פון קוים 25,000 יידן — ווונדער איבער ווונדער.

דאס יידישע טעאטער אויפן נאמען פון אסתר רחל קאמינסקא, וואס איר טאלענטירטע און גייסטיקע טאָכטער, אידא קאמינסקא, פירט אן, איז נישט נאר דער שטאלץ פון פוילן, נאר די טעאטער־קרוין אויף די קעפ פון די „פאטריאטן“, אין אלע ישובים ווו זיי קומען גאסטראלירן. איצט, צום דריטן מאָל פון זייער זיין אין לאנדאן. ביי דער אויפפירונג פון „קאבצאנסקער טרוימער“, האב איך זי געטראגן אויף מיין קאפ, צוזאם מיט בנימין השלישי.

און א גרויסן דאנק זאל קודם געזאגט ווערן פארן אנהויבן דווקא מיט „סערקעלע“ פון דר. ש. עטינגער, דעם ערשטן קלאסיקער פון דער יידי־שער דראמע, דעם טאטן פונם טאטן פונם יידישן טעאטער, אברהם גאלד־פאדן.



אידא קאמינסקא

די אויפפירונג איז נישט נאר געווען א גייסטיקער גענוס, נאר די דערלעבעניש פון געבורט, פון געבוירן ווערן פון א יידישער בינע. עס איז געווען וואונדערלעך צו זען, ווי מיט 150 יאר צוריק האט שוין עטינגער פערשטאנען סאציאל צו דיפערענצירן דאס יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן, — ממש סאָציאַל־עקאנאמיש וויסנשאפטלעך און דערביי אזוי פורים־שפילעריש הלצהדיק און יידישלעך־היימיש, — אזוי אז מענדעלע האט שוין געהאט דעם נאפל, ווו אנצוקניפן זיין סארקאזם און גראטעסק, און שלום עליכם זיין הומאָר.

און ווי געניי דער ליריקער און משלים שרייבער, עטינגער, האט שוין געקענט דעם

די־אלעקט פון פוילישׂ־ליטוויש־גאליציאנער ייִד — איין זאַך, איין פאלקלאר־ווארט און אלץ איז דא: האנדלונג, פסיכיש־עטישער צוגאנג טעאטער־שפּיל און מאראל.

דאכט זיך נאר א ספּעקטאקל, און מיט וויפיל ליבשאפט די אקטיארן האבן עס באמיינס־טענט! נאר צו דערמאנען: די דראמאטיש־באוועגלעכע און סצעניִשע ענדערונגען פון אידא קאמינסקא און די גראטעסקע שטייפלעכע אויסגעהאלטנקייט פון רות טארן־קאוואלסקי; די צוויי געגן־שפּילער, קאמיש און כאראקטערליך — מעלמאן און דגים; די צוויי פעסט־געפארעמטע טיפּן, גאליציאנער און ליטוואק — לעכנער און שוויילער.

„קאבצאנסקער טרוימער״ פון מענדעלע מוכר ספרים, סצעניזירט פון דגים און שוויילער, איז באמת געווען א חלום! בוזגאנ׳ס בנימין — א לונאטיקער אויפן שפּיץ־טורעם, וואס מ׳טאר אים נישט אויפוועקן, ווארים אין זיין דאן־קיכאטישער באגייסטערונג שפּרינגט ער אראפּ און סענדערל (שוויילער) וועט אויפקלויבן זיינע ביינער אין דער טארבע אריין. און דאס צוזאמענשפּילן פון פישקען און בתיה — יוסף רעטיק און מרים פרידמאן, איז מיר געגאנגען אין די ביינער אריין: „א קענק אין די ביינא״.

מיר וועלן דאך נאך זען אי״ה די אנדערע שטיקער שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״ און „אן א היים״ פון יעקב גארדין, וועלן מיר שוין אויסבעסערן מיט אלעם גוטן, און דערמאנען די אנדערע אקטיארן, וואס יעדער איינער איז געווען א קרעאציע פאר זיך.

דאס פיין־געמאכטע קאספּער־מייכער באלזאר־טרילעטל״ — יא, אזא עכטע פּורים־שפּיל־בארד האט נאך דא קיינער נישט געזען.

א, וואלט דאס יידישע טעאטער פון פוילן, דאס „אסתר רחל קאמינסקי־טעאטער״, א הערגעקומען מיט „מיין מאמעס חתן״, „מיין טאטנס שוויגער״. וואלט ביי דער קאסע געווען א גרעסער איפלויף: אונזערע ליבע יידן דא האבן עס זייער ליב, אז מ׳קראצט זיי אין די פּיאטעס און מ׳קיצלט זיי אונטער דער פּאכווע . . . אך, פארשטייען זיי דעמלט יידיש, אז די בייכער שאקלען זי זיי אזש און „די גוידערס ביי זייער „לעידיס״, און דערפאר „קייפּן״ זיי טאקע אפּ, אט די „לעידי גילדס״, א „בענ־פיט״ און מאכן אן „אוקשן״ און דאס געלד גייט פאר „היברו עדיקיישן״. זיי האבן אבער נאך אלץ נישט געלערנט מיט זייערע אלע „איקשנס״ און „עדיקיישנס״, אז דרך־ארץ קדמה לתורה: אז ס׳קומען יידישע קינסטלער, חשובע געסט מוז מען קומען זיי אפּגעבן כבוד.

* * *

אז יידישע קינסטלער־אקטיארן גייען צו צו שלום־עליכמען מיט רעליגעזן ציטער, איז עס דאך טעוויע, וואס רעדט הוילע פּסוקים און שיט מיט תורה, איז עס דאך דאס יידישע שטעטל געוויקלט אין ברענענדיקע ירועות. אבער מיט אזא יראת־הכבוד קאנען צוגיין צו דעם סקעפּטיקער יעקב גארדין, צום ניו־יארקער איסט־סייד, צו דער בראנקס; נישט פארגאנגען עמר־לעבן אויסטאנצן, אייסזינגען, נאר „טעזי־אנט־טעזי״־טעאריעס לאזן אזוי סינטעטיש אויסצאפּלען אונטער געשפּיצטער פּינצעטע, איז יידיש נאך אן עמוד־הברזל אויף וואס א פאלק קאן זיך אנלענען.

איב אונטערן „אייזערנעם פארהאנג״ איז אזא רעליגעזער צוגאנג נאך דא צו יידישער קונסט איז דער פארטרויען צו יידיש לעבן אין מזרח־אייראפּע נישט ווייניקער זיכערער, ווי נאכן זען א „סערוויס״ פון יידישע מיניסטערס אין די מערב־אייראפּעאישע סינאגאגעס — „איב נישט נאך העכער״!

און איב א גרויסער דאנק איז געזאגט געוואָרן פאר אנהייבן מיט „סערקעלען״, איז איצט ביים מסיים זיין, מיט, אן אהיים״ אונזער דאנק נאך גרעסער: מילא, דער עלטערער דור אקטיארן, אידא קאמינסקא, מאריאן מעלמאן, קאוואלסקא, שוויילער, אויפגעצויגענע נאך אויף דער שיס פון דער מאמע אסתר רחל, אבער אז דער יינגער דור: רות קמינסקי, העלען קאוט, לאטאוויטש, דאלעצקי קאנען נאך מיט אזא אש־קודש פון יידישער קונסט ברענען א וועלט אויף דער יידישער בינע איז „נצח ישראל לא ישקר״.

א דאנק אייך פארן ברענגען דעם גרוס פון די 25,000 יידן אין פוילן און פארן לאזן דעם טיפן פארטרויען, אז עם ישראל חי! ווארום וואס איז דער סימן־לעבן פון א פאלק, איב נישט, אז ס׳קאן נאך זיין קרעאטיוו שעפעריש? און איב מיר האבן נאך אלץ פארפעלט וועם צו דערמאנען, איז ביים פירטן מאל, ווען זיי וועלן אי״ה אהערקומען.

ש.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־392) פינף און צוואנציקסטן יאר אויג.־סעפּ. 1964 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

איינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| ראש־השנה תשכ״ה, ביים אנסקי־קלוב אין אמסטערדאם, צו די יידישע קדושים געסלעך אין אמסטערדאם | ** | 1 |
| וועספּערסטראאט (דערציילונג) | זיגפריד וואן פראאג | 9 |
| יום־כפור (לידער) | שמואל וואהייט | 15 |
| די רעאליזאציע פון תשובה (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 17 |
| ראש חודש (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 21 |
| א מזלדיקער טאג, אין נגב | יודל גאלדבערג | 21 |
| יאסעלע (דערציילונג) | משה בעקערמאן | 26 |
| מיין ערשט ליד (פּראזע, המשך) לידער | א. נ. שטענצל | 28 |
| א חתונה אין ישראל פּאקאזאצקאמו (דערציילונג) | אייזיק גאלדבערג | 46 |
| א. לעיעלעס (צו זיין 75סטן יובל) | יחזקאל בראנשטיין | 50 |
| מיניאטורן (טשארלז דארווין, עדגאר אלאן פּאָוס) | ש. טענענבוים | 52 |
| שלמה אויערבאך (צו דער ערשטער יארצייט) | משה דאמב | 52 |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס | | 53 |
| לשנה טובות | | 54 |

## רעדאקציע - נאטיץ

לאנדאנער קולטור־ידיעות און דער בריוו פון אהרן ראלין אין קומענדיקן נומער.—ד.ר.

## פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*

129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*